STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02976

MAYNE KUMARNER NEBEKH

Kalman Heisler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן הייזלער

כוויס נישט ווי אזוי איך בין געקומען צו אזא פינצטערער נבואה, נאָך אין 1930, צו שרייבן וועגן מיין לעבעדיק, צאַפּלדיק יידיש שטעטל, אין דעם אריינפיר־ליד פון מיין בוך „קומאַרנער־פאַרשווינען״: —

שטעטל קומאַרנע.
— גרויס ווי אַ קבר —
פיר איילן די לענג,
צוויי איילן די ברייט.

היינט, ווי איז מיר, איז דאָך קיין סימן פון קבר אפילו נישט געבליבן נאָך מיינע קומאַרנער. סאיז בלויז געבליבן צו וויינען אָף —

מיינע
קומאַרנער
נעבעך...

פאַרלאַג:
„די לעצטע גאַליציאַנער״
ניו יאָרק — 1953

אַ דאַנק יעקב גלאַטשטיין

איך ווייס, אַז איך וועל קיינמאָל נישט קענען גענוג אָפּדאַנקען דעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין, פֿאַר זיין עצה, אין יאָר 1927, — אַז מיין כוח באַשטייט אין באַשרייבן „מענטשן". איך האָב אים געפֿאָלגט — און ער האָט מיר צוליב געטאָן און אָנגעשריבן אַן אַריינפֿיר צו מיין ערשט ביכל — און איז געווען מיין ליטעראַרישער „קוואַטער".

דורך די אַלע יאָרן האָב איך אַרויסגעגעבן אַחוץ „מענטשן" אין 1927 ; „קומאַרנער פּאַרשוינען אין 1930 ; „געשעענישן און גע-שטאַלטן" אין 1938 ; „אַז ישיר" אין 1949. איצט, באַ דעם בוך „מיינע קומאַרנער, נעבעך . . . ", קאָן איך אונטערציען דעם סך־הכּל ווי ווייט יעקב גלאַטשטיין האָט מיך אַרויפֿגעפֿירט אַף מיין דיכטערשן וועג און שאַץ אָפּ זיין פֿאַרדינטן חלק אין מיין גאַנצן שאַפֿן. ווער ווייסט, צי אָן זיין „עצה" — צי וואָלט איך נים געווען געבלאָנדזשעט און „זיך" אפשר קיינמאָל נישט געווען געפֿונען.

Printed in the U.S.A.

װערטער

איך װעל אַרױסװאַרפֿן אַ סך רייד,
צעװאַרפֿן, צעמאָלן װי אין אַ מיל;
— אפֿשר, פֿון אַזױפֿיל געריידערײ —
װעל איך זיך דעריידן צו אַ ציל.
עפּעס ליגט דאָרט אונטער דער צונג.
װעגן דעם װילט זיך מיר זאָגן;
נאָר איך װײס נישט װי אָנצוהײבן —
דאָס תּפֿילהדיקע, ריטמישע קלאָגן.
װערטער זענען געדולדיק, גנעדיק.
דער מח קאָן זײ לײַכט אױסקלערן.
אַפֿילו װען זײ שרײַען נישט הױך —
װעט דאָס װידער־קול זײ דערהערן.
דאָס װידער־קול װעט כאַפּן די רייד
און זײ צעטראָגן װי אױף פֿליגל;
די װערטער װעלן שװעבן, שװעבן, —
אַרױסגעלאָזטע פֿון טױער און ריגל.

מאַמע לשון

אין די רייד פֿון דעם טאַטן,
אין דעם לשון פֿון דער מאַמען —
קאָן מען לײַכט דערקענען
פֿון װאַנען מיר שטאַמען.
אין דעם קלאַנג פֿון יעדן װאָרט,
אין דעם זאָג פֿון יעדן שפּרוך —
קאָן מען אונזער לעבן
לײענען װי פֿון אַ בוך.
אין לענדער אומגעװאַנדערט,

זייערע וועגן אויסגעמאָסטן,
האָבן מוטערס געלערנט רייד
בא יעדן פאָלק דעם פּראָסטן.
די טאַטעס האָבן אונז דערציילט
פון דעם שטאַם פון דעם אַלטן;
סזאָל נישט קווארן דער בוים —
מאַמעס לשון אויפצוהאַלטן.
מיטגעטרויערט פעלקערס טרויער,
מיטגעפרייט יעדנס פרייד,
האָט מען אונז דערנאָך געצאָלט
מיט געברווינטע לייד.
איז געוואָרן דאָס מאַמע־לשון
הייליק אונז אַזוי און טייער;
לשון וואָס איז מיטגעגאַנגען
אי אין וואַסער, אי אין פייער.
האָבן יידישע ווערטער געוויינט,
געגאַנגען צום הימל מיט געשריי,
און איז געוואָרן אונזער יידיש
די שפּראַך פון אונזער וויי.
אַז מרעדט בא אונז פון פרייד —
הייסט דאָס שוין: — חי־געלעבט!
איז אַזוי יעדער אות
מיט אומעט דורכגעוועבט.

* * *

הער די רייד פון דעם טאַטן,
הער דאָס לשון פון דער מאַמען,
וועסטו זיך דערוויסן —
פון וואַנען מיר שטאַמען.

ביטערע בריוו

קומען טרויעריקע בריוו
טעג־נעכט־נאָכאַנאַנד,
פון דאָרט, פון דער היים,
וואו סאיז געווען מיין לאַנד.
קומען בריוו טרויעריקע,
אין שוואַרצע קלאַמערן,
און פון שטיל פּאַפּיר
הערט מען נויט האַמערן.
דערציילן טרויער־בריוו :
— וואָגלט אום מיין שטאַם,
זקנים און זויג־קינדער —
געאַנקערט אינמיטן ים.
קומען בריוו טרויעריקע,
דערציילן מיט שרעק —
וועגן וואַנדערנדיקע,
פאַרלאָזן אין וועג.
אַזוינע ביטערע בריוו
טוען אָפּ דעם שלאָף.
טרויער־טרויעריקע —
אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף . . .

קומאַרנע — אַלטער ר׳ לאָזערס, דער שטאָט־חזן

ביסט אַמאָל געווען
— היים פון מיין געבוירן
און אין מיינע אויערן —
קאָן איך נאָך הערן
דאָס דאַווענען פון חזן
ראש השנה אין שול ;
זיין קול גייט הויך,
זיין קול גייט שטיל —
אַרויף צו די הימלען
— לאָזט דעם שומר ישראל
נישט דרימלען . . .
בעט אַלטער ר׳ לאָזערס —
געזונט פאַר יעדן הויז ;
אַז ער — וואָס איז גרויס,
זאָל שיצן און שירעמען
די טאַטע־מאַמע,

די זין און טעכטער;
און אין דער וואכנאכט
זיין א וועכטער
פאר שאָף און רינדער;
זאָל דאס אויג היטן —
שלאָפעדיקע קינדער . . .
בעט אַלטער ר׳ לאָזערס —
פרנסה פאר יעדן ייד,
נאָכן מארק-טאָג — מיד;
באַשעפער פון וועלטן —
גיב אָנצוקליידן,
גיב א דאך —
געדעקט פון סכך,
זאָלן נישט גיין באָרוועס
די קינדער אין קעלטן;
— איז די תפילה: —
זאָלסט אונז פארגעלטן . . .
בעט אַלטער ר׳ לאָזערס —
פאר די פראָסטע לייט: —
רבונו של עולם,
גיב זיי צייט, —
די שיך און דאס קלייד
זאָל זיין אויפגענייט
אָף שבת.
פון א בעל־מלאכהס
ריינע כוונה שטעך,
ווערט דער כסא־הכבוד
פון זילבער און שעך . . .
בעט אַלטער ר׳ לאָזערס —
פאר די וואסערטרעגער;
פון באור הבוקר —
מיט די שווערע קאנען.
גאָט, גיב זיי כוח,
צו קאָנען שפאנען —

אויסשעפן דעם טייך;
אין יאָך, אין סלאָטעס,
איז זייער תפילה —
ווי יום־כיפור צו נעילה . . .

***

טענהט אַלטער ר׳ לאָזערס —
אז די בעלי־עגלות,
דאָ אין גלות —
זיינען אָן מורא;
זיי פירן פארשוינען,
זיי פאָרן מיט סחורה,
אין דעם צוויי-געשפאַן,
אָף יארידן, צו דער באַן.
נאָר מנחה — אין פעלד,
דאוועגט מען בציבור,
צום מלך פון דער וועלט . . .
טענהט אַלטער ר׳ לאָזערס —
פאר די גנבים,
ווי כלבים,
אין דער תפיסה:
דערבארים זיך, פאָטער,
סקומט נישט קיין מיתה, —
ווען דער יצר־הרע
האָט פארנארט,
האָט יענער גענארט
צו שלעכטער חברותא;
— בינד אויף די תפיסה . . .
טענהט אַלטער ר׳ לאָזערס —
א שטאָט מיט איר עדה,
פאר דער עקדה;
שטייט א סטאדע שאָף, —
האלב דרימל, האלב שלאָף, —
אוי, אַלע יידן ווארטן —
אָף משיח דעם גענארטן.

זאָל שוין קומען די שעה,
זאָל שוין זיין גענוג ;
נו, א סוף צום גלות,
און א סוף צו דער פּלאָג . . .
טענהט אַלטער ר׳ לאָזערס —
ווער בין איך דען ?
פאר־וואָס, פאר־ווען ?
א שליח־ציבור ;
ווען דער פּאסטעך
פּאשעט זיינע שאָף ;
און רייסט איבער
זיין הארבע שטראָף.
וויל ער דען נישט,
אז זיין פאָלק ישראל
— זאָל זיין ווי אמאָל ? ? ?

***

בעט שוין אַלטער ר׳ לאָזערס —
דער רבי ר׳ שלום,
זיי אים פותר חלום ;
דעם צדיק פון שטאָט, —
א צדיק, א גערעכטער ;
טו אים א גענאָד, —
דיין באַגלויבטן וועכטער.
— געדענק אברהמען
און דעם כורת־ברית ;
מעק אויס דעם גזר —
אין זיין זכות . . .

— — — — — — — —
און היינט, וואו ביסטו —
שטאָט פון מיין געבוירן ?
ביסט געגאנגען פארלוירן.
פאר מיינע פוס־טריט,
בריט און ברענט דער שריט,
צו גיין אפילו אין זכרון
דורך מיינע קינדער־יאָרן.
ווייל, א קללה צו דער ערד,
וואָס האָט מיט פייער, שווערד —
די קומאַרנער יידן פארצערט
און מיין זיידעס קבר צעשטערט . . .
— — — — — — — —
ווייל, א קללה צו דער ערד,
וואָס האָט אין איר בויך —
לעבעדיקע יידן פארצערט, —
און קיין יתומים נישט פארמערט !
זאָג,
דו,
וועלט, —
זאָג,
דו,
מענטש, —
האָסטו שוין אזוינס געהערט ?
האָט מען שוין אזוינס געהערט ?
האָסטו שוין אזוינס געהערט ?
האָט מען שוין אזוינס געהערט ?

גוי — ווילסט מיך הרגענען ?

גוי, ווילסט מיך הרגענען ?
דאָס וואָרט איך אָף דיר.
נאָ נעם, טו מיט מיר, ווי דו האָסט געטאָן
מיט זעקס מיליאָן אנדערע יידן.

איך בין נישט בילכער, נישט בעסער פון זיי, —
פון יענע זעקס מיליאָן אַנדערע יידן . . .
געווען איז דאָס מיט צוויי טויזנט יאָר קריק ;
האָט אַ ייד פון גליל, אַ סטאָליער פון נצרת —
נאָך דעמאָלט דערקענט אין דיר דעם מערדער, —
און אין זיינע טויטשרעק פאַר דיר, רוצח,
האָט ער דיר געגעבן אַ גאָט, דיך געלערנט רעליגיע :
„טאָמער וועט עמיצער דיר פּלעמען אין באַק —
זאָלסטו די צווייטע באַק אויפשטעלן צום פּאַטשען."
אַזוי האָט ער געוואָלט צאַמען, לערנען דיך, רוצח ; —
נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר קריק . . .
סאיז נאָך גוט וואָס ער האָט דיך נישט געלערנט
זיין אייגענע תורה וואָס, וואָס הייסט : —
„אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן."
ווען דאָס וואָלט, חלילה, אַזוי געשען —
וואָלט קיין גראָז שוין נישט געוואקסן היינט
אויף דער ערד וואָס דו האָסט געטרעטן — גוי.
נו, שכן מיינער, אויף דער זעלבער ערד
טרעטן מיר שוין טויזנטער יאָרן.
כאָטש אַזוי, כאָטש אַ לאַנגיאָריקער שכן,
וואַרטסטו גרייט מיט בלוטיקע הענט,
וואַרטסטו גרייט מיט דער שאַרפער האַק
אויף מיר, אויף מיר, דיין יידישן שכן.
וואַרט איך אויף דיר דאָ אָט, אָ, —
איך בין נישט בעסער און נישט בילכער
פון יענע זעקס מיליאָן אַנדערע יידן . . .

אַ בריוו

מיין לאַנדסמאַן סידני האַוזער
פון 1920 הערימאָן עוועניו,
בראָנקס 55, ניו־יאָרק —
שרייבט מיר אַ בריוו : —

„אַ קאַרטל איז אָנגעקומען פון קומאַרנע,
פון אונזער היים, —
איז דאָס קאַרטל צענזורירט פון דער סאָוועטישער מאַכט.
דאָס שרייבן איז דאַטירט דעם 27סטן סעפּטעמבער 1945.
אָבער דער בריוושרייבער, אַ געוועזענער שכן,
אַ פּויער, אַ גוטער גוי, איינער פון די גוטע —
שרייבט אָפן און צום פּונקט:
דעם 24סטן אָקטאָבער 1941
האָט מען 430 יידישע מאַנזביל פון קומאַרנע
דערשאָסן מיט אַן איינאונאיינציקער מאַשין־ביקס
און זיי זענען באַערדיקט אויף דער קאַראַשובקע,
אין איין גרויסן, גרויסן קבר.
„אין יענעם קבר, (שרייבט מיר סידני האַוזער)
ליגט אויך מיין יינגערער ברודער מאָניש.”
און ווידער אין מאָנאַט נאָוועמבער 1942,
האָטן אַרויסגענומען אַלע פרויען און קינדער,
באַגאָסן זיי מיט נאַפט און אונטערגעצונדן.
אוי, אוי איז דאָס געווען אַ ברענונג!
די פרויען זענען געלאָפן מיט די האָר צעלאָזט.
די קינדערלעך, נעבעך, ווי פייער שטורקאַצען, —
געוואָלט לויפן צום טייך, צום וואַסער.
געוואָלט, און געפאַלן ווי אָפּגעזענקטעביימער.
אויך דאָרט (שרייבט סידני האַוזער)
איז מיין עלטערע שוועסטער מרים
און אירע צוויי קינדערלעך פאַרברענט.
איז געלויבט צו גאָט וואָס טאַטע־מאַמע
זענען געשטאָרבן פאַר דער שחיטה
מיט זייער אייגענעם טויט;
אויף פלעקן־טיפוס, געלויבט צו גאָט.”

* * *

„יאָ”, שרייבט דער פּויער, דער גוטער גוי;
צו מיין גרויסער קריסטלעכער בושה,
מוז איך זיך ספּאָוויאַדען — דעם אמת:
מיר, די שכנים, רוטענער, פּאָליאַקן,

האָבן געהאָלפן דעם דייטש אין זיין אַרבעט —
צו קוילען, צו שעכטן אַלע, אַלע יידן . . .
אַפילו דאָס יידישע בית־הקברות, —
האָטן די מצבות אַראָפּגעריסן,
אויסגעגלייכט דאָס הייליקע אָרט.
זומער ווערט דאָרט געאַקערט, געזייעט, —
וואַקסן שמעקעדיקע גראָזן.
קריכן אַהין די חזירים, די שטאָטישע
און פּאַשען זיך, און פּאַשען זיך . . .״

* * *

ווייל איך נישט פאַרגעסן צו דאַנקען
דעם פּויער, דעם גוטן גוי —
וואָס האָט געשיקט אַ לעבעדיקן גרוס
פון מיין טויט־שטעטל קאָמאַרנע.

שאַיע מאַרשאַליק

נעמט איך די ראיה
פון דעם מאַראשליק שאַיע . . .
מאָנטיק האַנדל איך מיט הינער,
דינסטיק האַנדל איך מיט פערד.
מיטוואָך מיט די זעמל־ווינער,
דאָנערשטיק, וואָס גאָט באַשערט.
מאָנטיק אַפן קומאַרנער יאַריד,
דינסטיק — אין ווידקאָוויד.
מיטוואָך אַפן שטשעריצער יאַריד —
דאָנערשטיק אין בענדעריד.
און אַז סאיז אַ חתונה ביינאַכט
— איז נישט לאַנג געטראַכט;
און אָטאָ, טאָ־טאָ־האָפּ,
אַ שפּיציק יאַרמילקע אָפן קאָפּ.
בין איך שוין אַ דאַטש כמעט,
אין אַ קראַגן און אַ קראַוואַט;

אין א בעקעשע מיט א שפּאַלט —
ברען איך, אוי־ווי, גוואַלט:
נעמט אייך די ראיה
פון דעם מאַרשאַליק שאיע.

* * *

דער חתן אויבן אָן
אין זיידענעם אָנגעטאָן.
ער, א בלאַסער פּאַסטער,
איך, ווערטער־שאַסטער.
גיט דאָס סטרונעלע א שפּיל,
נעם איך זאָגן אין דער שטיל —
גאָלדענע ווערטער, פיל, פיל . . .
איך דאַנק אייך, ליבע לייט,
וואָס איך באַזוך אייך גראַדע,
נאָר איין זאַך זאָג איך אייך —
איך, אייער קאַמעראַדע:
איך בין געקומען אהער,
אייך זאָל ניט זיין שווער —
אונטערהאַלטן בין איך אויסגעשטעלט.
איך וועל הוליען און זינגען,
איך וועל טאַנצן און שפּרינגען,
איר זאָלט נאָר נישט זשאַלעווען —
דאָס טראָפּ שאַץ־געלט . . .
ווייל איך וויל נאָר לוסטיק זיין,
ווייל איך וויל נאָר פריילעך זיין;
איך וויל טרינקען בראָנפן —
ווי דער קייסער — ווייַן . . .

* * *

חתן דומה למלך,
זיי נישט אזוי פריילעך.
זינט ביזט געוועזן א קינד,
די אַלע זינד ביז אצינד, —
וועט דער אייבערשטער מוחל זיין —
חתן דו־מיין, טייער און שיין.

דו ביזט אַ מאַנזביל, גאָר וואויל,
יאָ, — דיין היילִיק מויל —
האָט געלערנט אַלעמאָל תורה,
האָב־זשע איצטערט אויך מוראָ;
און דאַפאַר, טאַקע, מסתמא —
האָבן דיינע ליבע טאַטע־מאַמע
מיט דיר זוכה־געווען
צו דער חופה צו גיין,
ונאמר אמן . . .
* * *
כלה אַ יפת־תאר, גאָר שיין,
כלהניו, וויין־וויין.
אַזויווי סאיז לעבעדיק און פריילעך
ביי דיר אין דער שטוב —
אַזוי איז טעמנע און פינצטער
איצטער, דיין מאַמען אין גרוב.
און סקומט דער מלאך מיט אַ שטעקן
און טוט זי פון קבר אויפוועקן;
טוט זי זיך נעבעך דערשרעקן,
און מיינט — אַז מאיז זי געקומען
— צו דעם דין־וחשבון אויפוועקן.
זאָגט איר דער מלאך אַ בשורה:
ניין, ניין!
סטוט איצט דיין קינד,
צו דער חופה גיין;
בעט־זשע איצטער דעם רבש״ע,
מיט אַ גרוים געשריי, גרוים געוויין:
וואָס פאַר אַ חטא האָב איך געטאָן?
וואָס די מאַמע האָט ניט זוכה געווען
מיט מיר — צו דער חופה צו גיין?
לאָז זי כאָטש פיר איילן —
פון דער נאָענטן שטיין,
פון דער וויטן שטיין —
כלה, כלהניו, וויינוויי־וויין־וויין.

אז ווען סקומט צום טיש —
ווען די מחותנים עסן די גוטע פיש.
די מחותנים רויכערן די ליולקעס־רויך, —
גיט ווידער דאָס פידעלע אַ שפּיל;
זאָג איך גאָלדענע ווערטער פּיל, פּיל:
יהוה מה רבו צרי, רבים קמים עלי,
ניענטשען יידן אין אַ געשריי:
„אַזויפיל זענען זיי —
די באַליידיקער. —
אוי — גרויס גאָט,
זיי דו דער פּאַרטיידיקער."
נעמט דאָס פידעלע וויינען
און גיסט מיט באָכן טרערן,
און דער טיש־מחותנים —
אויך נישט אויפצוהערן:
„אונזערע ווייבער,
אונזערע קינדער —
קוילעטאָך דער שונא
ווי די שאָף און רינדער."
* * *
רבותי, שאַט! כלהס צד,
זילבער־קלאַנג — דרשה־געשאַנק.
פּערעלע, דער כלהס אַ מומע,
— גיט אַ גילדערנע מנורה;
כלה, זאָלסט ערלעך האַלטן
— אַ מאַן אַ בן־תורה . . .
גאָלדן־קלאַנג — דרשה־געשנאַק.
וויוואַט, חתנס צד, —
גיט דער מחותן ר' אפרים
אַ ש"ס, אַ שפּאָגל־נייעם . . .
* * *
ווי סקומט צום מיצווה־טענצל —
גייען אַלע מיט דער כלה טאַנצן,
רוף איך יעדן מחותן אויס —

מיט אַלע פליטערלעך און גלאַנצן.
סאיז נאַכט, מאיז אויפגעוועקט פון שלאָף.
וועט ער, זאָל־לעבן! דער רב, —
מיט אַ פאַרטשיילע אין דער האַנט,
גיין דאָס טענצל מיט דער כלה ביינאַנד.
איך שריי און איך קוויטשע:
זאָל גיין דאָס מיצווה־טענצל,
דער כלהס פעטער איטשע
און די מומע גיטשע.
און דער וואָס האַנדלט מיט ברעטער,
ר' חיים, דעם חתנס אַ פעטער —
וועט טאַנצן דאָס מיצווה־טענצל
און האָפּקען אביסעלע שפּעטער.
ווייל איך וויל נאָר פריילעך זיין.
ווייל יידן ווילן לוסטיק זיין.
יידן ווילן טרינקען וואַסער,
ווי דער קייסער וויין.

* * *

מעביר געווען מיטן טראָפּ.
אַ שפּיציק יאַרמילקע אָפן קאָפּ.
בין איך שוין אַ דאַטש־כמעט,
— אין אַ קראַגן און אַ קראַוואַט,
און אַ בעקעשע מיט אַ שפּאַלט;
שריי איך — אויוויי, גוואַלט:
נעמט אייך די ראיה
פון דעם מאַרשאַליק שאַיע...

ביילעניו די פּאַסטושקע

אָף דער פּאַסטוויסקע שפּרינגען די ציגן,
וואַכט איבער זיי אַ בלאָער הימל.
בלאָזט די פּאַסטושקע אָף דעם פייפל —
שפּילט אין דער שטילקייט אוים אַ טומל.
קומט אזא ווינטל אָן צופליען,

צעיאָגט דער פּאַסטושקע — איר קלײדל,
— און זי װערט אַזױ רױט פון בושה, —
אין דעם פעלד, אַלײן, דאָס מײדל...

רבקה בהמה און יונה מיט דער באָרד

רבקה בהמה און יונה מיט דער באָרד
האָט גאָט נאָר אַלײן צונױפגעפּאָרט.
צי צום טײך שעפּן װאַסער,
אָדער שבת דאַװענען גײן —
אַז זײ גײען בײדע צוזאַמען,
האָט רבקה שבת מלכהס חן.
רבקה האַלט יונהן בײ דער פּאָלע,
יונה האַלט זיך אין רבקהס שאַל;
יונה דערצײלט רבקהן אַ מעשה
פון בעל־שם מיטן װאַסער־קװאַל.
רבקה זאָגט: יונה, איך הער,
סאיז אַ מעשה אױסטערליש שײן;
פּונקט װי דאָס טרעפונג צו משהן
בײם שלאָגן דעם װאַסער־שטײן.
רבקה האָט געבױרן אַ מײדעלע,
רופן זײ זי: רענדעלע.
רבקה האָט געהאַט אַ ײנגעלע,
רופן זײ אים: מענדעלע.

אַן אָרעמאַן איז יונה אַ גרױסער,
און אַ באַדערפער נאָך אַ גרעסערער.
רעדט מען אָבער פון אַ גוטן מאַן,
זאָגט רבקה: יונה איז נאָך אַ בעסערער.
דערפאַר איז רבקה די פּאַרדינערן
און טראָגט בײגל צו פאַרקױפן;
נאָך סאיז בלאָ דער דרױסן —
זעטן רבקהן מיטן קױשל לױפן.
גײט זי פון הױז צו הױז,

קומט זי אריין אין אַלע שטיבער;
דערשמעקן קינדער פרישע בייגל,
ווערט זיי דאָס אויפשטיין ליבער.
מאַמעס פּאָרען זיך, קלייבן אויס
דאָס ברוינע, רונדע בייגעלע —
פאַר הערשעלעס פּופּיקל
און פאַר פּערעלעס מעגעלע.
„הייסע בייגל! פרישע בייגל!" —
גייט רבקה אין גאַס האַנדלען,
און יונה זיצט אין דערהיים,
פאַרשפּילט רענדעלען און מענדעלען.
די ווייבער רעדן איבער,
מע סודעט וואָרט פאַר וואָרט:
„זע, אַזאַ רבקה בהמה
אַרבעט פאַר יונה מיט דער באָרד!"

טרעפט, רבקה פאַרקילט זיך
און שפּייט־אויס די לונג;
און זי שטאַרבט נעבעך,
ווי אַ הינדעלע גרינג . . .
יונה קאָן אפילו אַ קאַץ
נישט פאַרבינדן דעם עק.
אַ פאַרהונגערטער גייט ער
פון דער וועלט אַוועק.
רענדעלע, מענדעלע וויינען,
האָבן נישט צום עסן;
און די טויטע טאַטע־מאַמע
קאָנען זיי נישט פאַרגעסן.

שלמה סאַלאָמאָן רעדט וועגן סוף כל הדורות

די ביימער שטייען געגרונטפעסטיגט —
און רירן זיך נישט פון אָרט;
קיינער הערט זיי נישט אַרויסריידן
קיין איין־און־איינציק וואָרט.
נאָר די פייגל אַרום שוויפּטשען —
און זינגען זייער טעגלעך געזאַנג,
און אַרום די ביימער הערן זיך איין
צום ליד, וואָס וועקט דעם געדאַנק...
די ביימער מישן זיך נישט אַריין
און נישט זייערע שווערע צווייגן;
אפילו די ברייטע, גרינע בלעטער —
זענען איינגעהילט אין שווייגן...

קומט פון ערגעץ דאָס קילע ווינטל
און צעשטערט די מלכות־שטילקייט.
הערטן דעמאָלט די ביימער ריידן —
אין זייער אומגעהובעלטער ווילדקייט.
— נאָר גיי, פאַרשטיי זייער שפּראַך?
וואָס זיי שושקען, וואָס זיי ריידן?
פון דער אוראַלטער, אַמאָליקער צייט,
פון מיין זיידן און דיין זיידן...
צו זיין דאָ די עדות פון דורות,
האָט גאָט זיי אַנידער־געשטעלט;
זיי זאָלן אויסגעברענטע דערציילן —
פון דער אונטער־געגאַנגענער וועלט...

מעכעלע שטוצער

לאנג און דאַר און בלייך,
אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע —
שטוצט מעכעלע שטוצער
איבערן מאַרק, שבת נאָכן עסן ; —
שאַרט זיינע טריט און שאַרט.
דער שטייפער שטייקראַגן אַרום האַלז
איז ווי ווייס געפּאַלענער שניי.
דער קאָפּ איז גלייך און שטאַלץ —
ער האָט זיך אַף וואָס צו האַלטן ;
אַף דעם ווייסן, שטייפן שטייקראַגן.

חנה־לאה, שלמה קאָניכעס — איז
אויך אַרויס אָפן שבתדיקן שפּאַציר.
טשעפּעט זיך שטוצער צו חנה־לאָהן
און רעדט ווערטער ווי אַן אָנשיקעניש : —
„אויב סגעפעלט דיר זיך צו קושן ?
נעם פריער אַרויס די ציין, —
זאָלסט מיר נישט קיין בים טאָן —
לייג אונטער אַ ציגאַר־פּאַפּירל,
נישט אָנצורירן די הוילע הויט".

אַז שלמה קאָניעך — חנה לאהס טאַטע,
האָט געפּאַקט מעכעלע שטוצער,
אַריינגעלייגט אין דער בלאָטע אַריין
און געהאַלטן אין קלאַפּן און דערלאַנגען ;
איז מעכעלע שטוצער געלעגן שטאָלץ,
אויסגעצויגן אין דער נאַסער בלאָטע
און אַף דאַטש געשפּראָכן : —
„הונד, וועם שלאָגסט־דו"? ? ?

איציק פוצער

איציק פוצער, דער אַלטער בחור,
האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך —
אַ פּאָר שטיוול, פערציק יאָר אַלט,
און אַ בעקעשע—פופציק יאָר אַלט.
די שטיוול אינגאַנצן — גאַנץ,
אָן אַ לאַטקעלע אַפילו.
אַ בעקעשע אָפּגעבלאַקעוועט,
נאָר ריין, אָן אַ שפּרינקעלע.
איז איציק פוצער ביים דאַוונען,
אין שול אין אַ ווינקל געשטאַנען;
נאָר מיט גאָט זיך אָנגעקערט.
נאָר צום חזן זיך צוגעהערט.

נישט איבערגעלאָזט קיין זון,
וואָס זאָל נאָך אים קדיש זאָגן.
נישט געלאָזט קיין טאָכטער,
וואָס זאָל נאָך אים קלאָגן.
נאָר די גאַנ־גאַנצע שטיוול,
מיט דער ריין־ריינער בעקעשע ;
— לעבעדיקע עדות, זיי דערציילן
פון אַ מענטש און זיינע פיר איילן.
אָט, איז געווען אַ איציק פוצער,
געהיט די בעקעשע און זיך געמיט ;
אַ גאַנץ לעבן, אַ לעבן לאַנג —
געפּוצט די שטיוול און זיי געהיט.

שימעליע בהמה דער פורים־שפּילער

שימעליע בהמה איז אַ מענטש
אָבער אויך אַ שטיקל נאַר,
האָט דעריבער זיין ליבערנאָמען
נישט געזשאַלעוועט, געמינערט זיין צער.
שטאַרבט שימעליע פופצן מאָל פאַר הונגער ;
שימעליע בהמה איז אויך אַ זינגער,
פּוצט ער זיך אוים ווי אַ קוימענקערער
צו שפּילן דאָס שפּיל פאַר זיינע הערער.
מיט דעם שווערט בײַ דער זייט,
ווי דער ריטער אברהם, אונזער זיידע,
גייט ער דאָ מיט יצחקלן, —
מיט האָלץ און פייער צו דער עקדה.

* * *

זיצן בעלי־בתים בײַ דער סעודה,
אויסגעזעצט סגאַנצע הויזגעזינט.
קומען אריין פאַרשטעלטע —

טײלט מע נדבות צו קײט און קינד.
סשוויבלט און גריבלט מיט מאַסקעס
אַרײַן און אַרויס פון די שטיבער.
באַשײַנען פאַרשטעלטע דעם יום־טוב
מיט שפּיל, וויצן און לידער.
אַ בער מיט אַ גלאָק און אַ גלעקל.
אַ ייִדיקער קעסל מיט פּאַרע;
פון אויבן געדעקט מיט אַ דעקל,
העי, פאַרשטעלטע, מאַכט אַ וואַרע.
קומט צעשפּאַנען שימעליע,
שימעליע בהמה, גאַנץ אײנער אַלײן;
שטעלט ער פֿאַר עקידת יצחק,
יצחקן אַף דעם מזבח־שטײן.

*   *   *

אַף יענער זײַט טײַך
קלאַפּן מײַנע פינגער;
עך, שימעליע —
קום פֿאַר פֿאַר אַ זינגער.
טעראַלאַ לאַלאַלאַ.
טעראַלאַ לאַלאַלאַ.
מײַן זשין, מײַן זשין
יצחקלעבן דער קלײנער.
מײַן זשין, מײַן זשין
יצחקלעבן דער שײנער.
טעראַלאַ לאַלאַלאַ.
טעראַלאַ לאַלאַלאַ.
מאַכט מיר אויף
די טויערן פון אויבן,
װעל איך גײן —
גאָט לויבן
טעראַלאַ לאַלאַלאַ.
טעראַלאַ לאַלאַלאַ.

*   *   *

אַ רגע שפּיל איך יצחקל,

יצחקל דער קליינער ;
בין איך אַ וואוילער
יינגעלע מיט ביינער.
יאָ פּאָטער, אוי־ווײ איז מיר,
ווײ איז מיר און ביטער —
טרייסטן ווער וועט
שרה, מיין מוטער ?
ווען זי וועט דאָס דערהערן,
וואָס פון איר וועט ווערן ;
טאָקע אַף אַ וואָר, —
נאָך היינטיקס יאָר . . .
איר אײינאונאײינציק קינד,
איר אײינאונאײינציק קינד —
וואָס זי האָט געבוירן
צו ניינציק יאָר . . .
יאָ, טאַטע, גוט.
וואַרט נאָך איין מינוט.

* * *

ציט שימעליע די שווערד פון שייד,
פּאָכעט מיט דעם האַלצערנעם זעבל,
און פּאָטריש זענען די רייד :
מיין זשין, מיין זשין זיי גרייט . . .

* * *

אַ רגע שפּיל עך דעם מלאָך,
אַ שר מיט זעקס פליגל ;
און סעפּענט זיך פאַר מיר
— שלאָס און ריגל.
עך בין דער מלאָך גבריאל —
זייזשע נישט קיין אַלטער נאַר ;
גאָט האָט געוואָלט דיך פּריוון
און דיר צוגעשאַנצט אַביסעלע צער,
האָט גאָט געוואָלט דיך פּריוון
און ביסט זיין נסיון באַשטאַנען ;
ווען דיינע קינדער זיך מערן,

וויפיל די גרעזער אף לאנען.

* * *

די בשורה די גרויסע פון מלאך
טוט שימעליעס שווערד אין זיין שייד,
זיין ריטעריש בלוט האט געזיגט,
זינגט ארויס די פאטערישע פרייד:
ראיז נישט געשטארבן,
ראיז געבליבן לעבן;
א שבח צום בורא —
א פ צ ו ג ע ב ן . . .
טעראלא לאלאלא.
טעראלא לאלאלא.
עך רייד מיטן מויל,
עך רייד מיט די פינגער;
עך, שימעליע קום פאר
— פאר א זינגער.
טעראלא לאלאלא.
טעראלא לאלאלא.
זינג עך, זינג עך שימעליע,
זינגע איש אליין;
באוויז עך מיר אזא נס —
וואס אלע קענען זען.
טעראלא לאלאלא.
טעראלא לאלאלא.
עך שלאג קאפ אין וואנט,
עך שלאג קאפ אין פלויט;
וועגט נישט גבירים, יידן,
אייער רענדל אפן לויט.
טעראלא לאלאלא.
טעראלא לאלאלא.
האנט איז פורים,
מארגן איז אויס;
גיט דריי גראצער
און ווארפט מעך ארויס.

טעראלא לאלאלא.
טעראלא לאלאלא.

* * *

דערציילט שימעליע אין אלע גאסן,
בראקט ער די ווערטער ווי אין א מיל:
אז מעט דערלעבן מעטשעם איבעראיאר,
וועט שימעליע האבן א לענגערן שפיל...

די איז קיינמאל נישט געשטארבן — די טויטע עטיע

די טויטע עטיע איז קיינמאל נישט געשטארבן —
ווייל זי איז געגאנגען אנטקעגן דעם טויט;
געגאנגען, — ווי מגייט משיחן אנטקעגן.
איז דער טויט פון איר גאר אפגעשפרונגען
און געגאנגען זיך אוועק זיין וויטן וועג.
לופטערט די טויטע עטיע אירע תכריכים אוים.
פאר יום-טובן שפרייט זי די ווייסע לייוונט
אף די געלע, געבויגענע פענצטער פון הקדש;
ווי א יונגפרוי וואס רעכט זיך אין קינפעט אריין,
אזוי רעכט זיך עטיע אין קלייד-אנגעקלייד צו ווערן.
פופציק יאר אין קופערט די תכריכים ווארטן,
יעדע רגע קאן דאך זיין די ריכטיקע שעה;
— וועט זי אפגעבן דעם „איינציקן" די נשמה,
מיט א גרינג הארץ און ריינער מחשבה, —
אז זי וועט נישט שטארבן אין פרעמדע תכריכים.

***

דאס פנים געקארבט, געקנייטשט — פארמעט-געל.
א מויל וואס האלט אין זאגן תהילים-שפרוכן;
טרייסט פאר קראנקע אין יעדער יידישער שטוב.
רעדט פון איר מיט גוטסקייט פון יעדן קארב:
„קינדער, דער אייבערשטער איז א טאטע-פאטער..."
איינער זאגט, אז זי איז הונדערט יאר אלט.

א צוויטער, אַז זי איז גאָר בלויז — ניינציק.
ווייסן ווייסט מען אָבער פון צוועלף צענער,
וואָס עטיע האָט געציילט און איבערגעציילט:
— צוועלף מאָל צען, איז הונדערט־און־צוואַנציק...

די הײליקע האַנאָשקע

די באָרוועס, הייליקע האַנאָשקע
איז געקומען שוין לאַנג אין שטעטל.
צווישן די שפּינען אַפן העקדעש־בוידעם
איז נאָך געשטאַנען איר קינדער־בעטל.

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער יאַריד,
אַ דראַבענע וואָגן איז געקומען צופאָרן;
עלנט האַנאָשקעלע דאָ איבערגעלאָזט —
שוין אַוועק אַ סך, אַ סך יאָרן.
גייט דאָס שיקסל אַרום און בעטלט,
דאָ אַ קליידל און דאָרט אַ ביסן;
ווער זי איז און פון וואַנען זי שטאַמט? —
זי הויבט אַליין נישט אָן צו ווייסן.
דאָס שיקסל וואַקסט אונטער צוביסלעך,
האַנאָשקעלע מיט די אייגעלעך בלויע.
זי הייצט, זי נעמט אַראָפּ די לייכטער
און ווערט דעם שטעטלס שבת־גויע.

שיקט גאָט אַ מלחמה אַף דער וועלט,
באָדן גוים זיך אין יידישע בלוטן.
פּאָגראָמירן גוים אַ יידישע שטאָט,
האָט עס דעם העקדעש נישט אויסגעמיטן.
קומען שווערע טעג אַפן שטעטל,
נישטאָ דאָס שטיקל ברויט צו דער זאַט;
הונגערט האַנאָשקע און צום שני, צום רעגן —
הפקר ווי אַפן בוים דאָס בלאַט.

גייט האנאשקע נאקעט און באָרוועס,
ווערט פארשטאַרט ווינטער אין קעלטן.
וואָס העלפן רויטע אויגן פון וויינען?
וואָס העלפט איר בענטשן און שעלטן?
אַז קיינער האָט אַליין נישט צום לעבן,
און נישטאָ שוין פון וואָס זיך צו טיילן;
קרוין פוילן לאָזט יידן נישט דעכען,
אַז ס'איז אַ בושה גאָר צו דערציילן.

האַנאָשקע איז שוין נישט קיין שיקסל,
זי ציילט שוין אַ פופציק די יאָר;
פאַרמאַגט זי בלינדע אויגן צוויי,
געבאַליעטע פיס, באָרוועסע אַ פּאָר.
רעדט האַנאָשקע צו די פוילן און בעטלט;
איז דער ענטפער: „גיי צו די זשידעס,
מיר זיינען גוטהאַרציקע קריסטן,
און יידן האָבן דאָך גאָלדענע גרודעס.”
האַנאָשקע זאָגט: „שוועסטער פון מיין שטאַם
וויסן פון זייער גוטע זאַכן;
פאַרשטייען ווי צו עסן קאַפּוסטע
און פון צווייטנס אומגליק צו לאַכן.”

האַנאָשקע שפּאַנט אַ גאַנצע נאַכט,
זי פּרירט אינם בלאָנדזש פון די וועגן.
נישטאָ אַן אָרט אַף צו דערוואַרעמען,
נישטאָ וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן.
האַנאָשקע שלעפּט זיך אין דער נאַכט,
זי קלאַפּט און רעדט צו יעדער טיר.
אָבער אַלע טירן זענען צוגעמאַכט,
ס'וואָיעט דער ווינט אַן ענטפער צו איר.

שאול ביילעס, אַ ייד אַף דער עלטער,
האָט אַ שטיבל צוויי איילן די ברייט;
זינט (נישטאָגעדאַכט) ר'איז געוואָרן אַן אַלמן,
זופט ער תהלים אַזוי דורך דער צייט.

עסט דער פראָסט דעם דרויסן,
אין שטוב פון מויל גייט אַ פּאַרע,
אינם איבערבעט ניורעט זיך שאול
און וואַרעמט די ביינער די קוואַרע.
פאַרשטאַרט-טויט איז דער אויוון,
אַ תשוב איז די קעלט דאָ אין הויז.
ליגט שאול און קוקט אַף די ווענט,
אליין, ווי די נאַכט איז גרויס.
ליגט ער אין דער פינצטער און טראַכט:
מסתמא איז אַזוי דאָס באַשערט;
זעט ער אַצינד מלכה סאָשען,
ווערט געוואָר איר אמתן ווערט.
איז געווען אַזאַ איינע פון טויזנט,
ע"ה זיין ווייב מלכה סאָשע;
זי האָטאָך געקענט ווי אַ מאַנזביל
אַף אויסנווייניק חומש מיט רש"י.
אַלעם ערשט האָט ער זיך פאַרלוירן,
דערנאָך זיך אַ נעם געטאָן צוזאַמען —
נענטערט צום בעט זיך אָן אָרעמע אשה,
געבויגן פון קעלט און פון קראַמען.
„גיי דיר אין דיין רו,
גיי דיר אין דיין רו אריין!" —
בעט זיך שאול ביי זיין מלכהן
מיט שוידער, מיט פחד און געוויין.
שרייט אויף שאול אַ געשריי.
ער בייזערט זיך און ער שעלט:
„גיי דיר אין דיין רו אריין;
דו געבירסט אין דער אמתער וועלט."

זי זעט, צי מיט גוטן, צי מיט בייזן,
זי קאָן דאָ נישט לענגער פאַרבלייבן.
און שאַרט זיך אַרויס אינם דרויסן,
וואו דער ווינט ברומט מיט בערן און לייבן...

איז קאַלט אין דרויסן, נאָט זאָל זיך דערבאַרמען;
ס'איז נישט אמת און ס'קאָן דאָך נישט זיין.

אפשר האָט די אשה זיך גאָר געוואָלט דערוואַרמען —
און נישט מלכה סאָשע זאָל אפּן עולם התועה דאָ זיין ?
צורודערט איז שאול און ווערט נישט אנטשלאָפן :
"טאָמער איז דאָס איינס פון דעם שטנס פּלאַנען,
וואָס גאָט האָט געוואָלט אים אויספּרואוון,
און וואָס ער איז זיין נסיון באַשטאַנען ?

דער בלינדער, באַרוועסער האַנאַשקעס מאָרגן
זידט מיט שפּאָט און קאָכט מיט געוויין ;
זיצט האַנאַשקע היילִיק ווי א יוזל —
איגדרויסן פאַרפראָרן, טויט אַף א שטיין.

דורך דער ברכה פון משה דעם טרעגער

צי האָט עטץ מענטשן אזוינס געהערט ?
אזא מעשה אמאָל פאַרנומען —
ווי ביי אונדז בייגאַכט אין שול,
פלעגן מתים תפילה טאָן קומען.
טרעפט זיך טאַקע אזא מעשה,
משה טרעגער גייט פאַרביי
און ער הערט ווי עמיץ רופט : —
„גיי נישט ווייטער, נאָר דאָ שטיי."
און ער איז שוין ווי פאַרגליווערט,
און ער פילט זיך ווי אין א צוואַנג,
און ער קאָן זיך מער נישט רירן —
און נישט ווייטער גיין זיין גאַנג.
קוים מיט צרות — ער וויל זיך העלפן,
שטעלן א פוס, אָנהויבן צו גיין ;
ביז צום רבין רהאָט זיך דערשלעפּט —
מיט א גרויס און ביטער געוויין.
„רבי, כבין דורכגעגאַנגען די שול,
כציטער און כהאָב גרויס מורא ;
די מתים האָבן מיך אויפגערופן : —
— משה טרעגער, צו דער תורה . . ."

זאָגט דער רבי: — נעם מיין שטעקן;
גיי מיט מזל און מיט גליק.
כהאָף אין זכות פון מיין טאַטן,
אַז דו וועסט קומען גאַנץ צוריק.
און אין איין וועג גיי אין מקוה.
— און ער גייט און טונקט זיך אונטער;
אין דער זעלבער, איינער רגע —
קומט ער אַרויס פרישער, געזונטער.
משה טרעגער צו דער שול גייט ער,
אַרויף אָפן באַלעמער — געבליבן שטיין;
— ווי ער מאַכט איבערן ספר די ברכה —
הערט ער ווי אַלע נשמות זאָגן — אָמן . . .

* * *

זינט דעמאָלט רעדט יעדער אין שטעטל —
דאָס דערציילט איך אַ יעדער;
ווי נשמות האָבן באַקומען אַ תיקון
דורך אַ ברכה פון משה דעם טרעגער.

* * *

האָט איר מענטשן שוין יאָ געהערט,
איצט די מעשה גוט באַנומען: —
וואָס האָט זיך געטאָן ביינאַכט אין שול
ווען מתים פלעגן נאָך אַ תיקון קומען . . .

לעאָן־לייב דער שטודענט

דער שיינער לעאָן, שלמה קאַפּראַלס שטודענט
פּיינט זיך און מאַכט מיט די הענט:
— „וויעלמאָזשנאַ פּאַננאַ, יאַשניאַ פּאַניענקאַ,
ווי אַ קליינער ווערפל צוקער, —
זענט איר מיר, פּאַננאַ מאַליענקאַ.״
לעאָנס פאָטער, טאַקע שלמה דער קאַפּראַל,
האָט שוין אויסגערעכנט אַזוי אַף־אַמאָל:
— „אַז מיין לייב וועט ווערן אַ מעדיצינער —

וועלן אלע יידן מוזן הייבן די היטלען
פאר לעאנען, דעם דאקטאר, דעם ווינער."
נאך האט דער טאטע זיינער געגומען זאגן:
מוזן דען באלמעלאכישע קינדער זיך פלאגן
און לאזן פאר אנדערע די שיינע פאלאצן?
און מיין לייב זאל זיין א שוסטער־יונג,
וואס זאל פאר קויטיקייט זיך קראצן?
די פרומע יידן אין שטעטל האבן גערעדט.
די יידענעס האבן אנגעווינקען — געשפעט:
וואס לייב דער שטודענט איז מחלל־שבת;
דערפאר וואס ער זיצט אין שקאלע אן א היטל —
צייכנט גאט־אין־הימל אים סגוטע קוויטל . . .

* * *

אין גרויס־שטאט ווין, לעאן לערנט און לערנט,
פון פרי ביז נאכט — ביז סווערט אויסגעשטערנט;
ביאלאגיע, פיזיאלאגיע, לאטיין און דאקטאריע,
— אין די איינציקע פאר שטודענטישע הויזן
און לעבט דורך די טעג מיט א טעפל־ציקאריע.
ביז איינמאל קומט אהיים טרויריק א בריוול,
שטייט דארטן אין גראמען אזא לידל:
— „פון מיינע ווערטער זאל זיין גערדרונגען,
אז פון א סך לערנען און ווינציק עסן,
זענען ביי מיר קאליע געווארן די לונגען."
זומער צו וואקאציע קומט אן פון ווין —
דער דאקטאר־שטודענט לעאן, בלייך און דין.
האט שלמה קאפראלס פארבראכן די הענט, —
ווייל, ווען ער האט נאר א קוק געטאן,
ווען ער האט זיין שטודענט נישט דערקענט.
פון א גבירישן הויז האט מען יאבלעך געטראגן, —
דעם שטודענט וואס איז אומקרייטיק געווארן.
מגיט אים עסן שינקען, טרינקען חזיר־שמאלץ;
אזוי גיסט מען די פארשעמטע, פעטע יויכן,
דעם לונגענקראנקען שטודענט דורכן האלדז.
מישפחה איז אויסן דא צו פארדעקן די קלאנגען,

צום אומגליק וואָס איז אָף זיי אויסגעגאַנגען.
האָט מען נישט גערעדט, נישט געוואָלט דערציילן —
אַפילו יענעם טאָג, ווען מהאָט שוין געגראָבן
פאַר לעאָן־לייבן, דאָס נאַסע קבר — פיר־איילן.
נאָך דער לוויה איז נאָכגעגאַנגען אַ יעדער;
גאַנץ קהל, פונעם רב ביז צום בעדער.
אַלע האָבן ביטער געקלאָגט און געליטן —
וואָס אַזוינע יונגע יאָר זענען געוואָרן
— ווי אַ בוים אָפּגעזעגט און אָפּגעשניטן.
אין שטעטל האָט געוועלטיקט דער טרויער,
איבער יעדער כאַטקע, איבער יעדער מויער.
פון באַלעמער האָט געדרשנט דער מגיד אום שבת:
„איי, יידן — מאיז נישט זעכער מיט די שקראַבעס,
אַז אַ ייד ווערט אַ גוי, אַז אַ ייד איז מחלל־שבת . . .”

* * *

היינט איז שלמה קאַפּראַלס ווי אַ געשלאָגענער הונט,
מיט אַן אייטערדיקע, — ציעאַטרעטע וואונד,
זיין יונגערן זון, זאַנוועל־משה, דעם שטומען,
ווען ער איז נאָר עלף יאָר אַלט געוואָרן, —
האָט ער אים צום שוסטער־טישל גענומען.
ווי אַן אָפּגעבריטער, האָט שלמה דעם קאַפּראַלס,
געשאָלטן זיך און יענעם — געפלוכט אַן אַ צאָל:
— „אַ באַלמעלאָכע דאַרף וויסן זיין שטאַנד;
מע טאָר ניש האָבן אויפגעריסענע אויגן
און נישט קריכן אויף דער גלייכער וואַנט . . .”

מיין טאַטע נייט אַ חופה־קלייד

די נאָדל בלאַנקט, די נאָדל זינגט אין דעם שניידערס האַנט.
זיינע פינגער גלעטן און ציטערן איבער געשניטן געוואַנט.
די שטילע האָפענונג, אַז סוועט פון דעם געניי עפּעס ווערן —
זינגט אין זיין געמיט אַזוי הויך, אַז אַלע קענען הערן . . .
שניידעריי, וואָס דו האָסט באַשיינט מיין טאַטנס הויז —
מיט סאַמעט, זיידנצייג, פליטער ווי אַן אַרבעס די גרויס;

קומען נאָך היינט אין זייער געשטאַלט פאַר מיינע אויגן, —
כאָטש די קינדער־יאָר זיינען פון מיר ווייטע, אָפּגעפלויגן . . .
הער איך יעדע ליד, וואָס די געזעלן האָבן פאַרבענקטע געזונגען —
פון א פאַלשער ליבע, וואָס איז ווי א קאַץ זיך אָפּגעשפּרונגען ;
און איך ברום אונטער אויף מיין באַהאַלטענעם שטייגער —
דאָס געוויין פון די יונגען, ביינאַכט אָף מיין געלעגער . . .
דער טאַטע שטייט ביים צושנייד־טיש, צייכנט מיט רויטן קרייד,
א ווייס כלה־קלייד מיט א שלעפּ, ווי די וועלט, די ברייט ;
סוועט די אומשולד אין דעם קלייד צו דער חופּה גיין, —
מיט קלעזמער, מיט אונטערפירערס און זי צניעותדיק, ריין.
מען וועט די יונגע בתולה אין דעם קלייד צו דער חופּה פירן,
דאָס קלאַפּן פון דער פּויק וועט אויפברעכן אַלע שטאָטישע טירן ;
גרויס און קליין, אפילו עופעלעך אין די וויגן —
וועלן נאָכלויפן דער חופּה, אונטערהאַלטן דעם חתונה־ניגון.
אידן מיט בערד אין זעלנערשע מונדירן, פאַרשטעלט ווי קאָזאַקן
וועלן רייטן אויף פערד און אין הענט געצונדענע שטורקאַצן ; —
ביים נייען דאָס קלייד די מיידלעך וואַרטן שוין דעם טאָג צו דערלעבן,
ווען דער רבי ר' יאַנקעלע וועט זיין מוזינקעלע אויסגעבן . . .

באַם פרעמדן חופּה־קלייד

ניִשט די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ —
א ים מיט פרייד אין האַרץ איז דאָ.
נישט ווי באַ פּרצן „מיידלעך דריי" —
צען מיידלעך אויסגעזעצט אין ריי.
זיצן צען מיידלעך און נייען.
זיצן צען מיידלעך און נייען.
אין מיין טאַטנס שטוב באַם געניי,
זינגען מיידלעך פריש און פריי.
יעדער ריר קלוג מיט די הענט ;
די אַרבעט — פונקען־פייער ברענט.
הענט בייגן, נייגן אין געדריי, —
הענט ווייסע, דינע, מילדע צוויי.

אין דער פלינקייט פון הענט איז פארבאָרגן,
דער לעבעדיקער היינט און גוטער מאָרגן.
די פרייד וואָס די כלה וועט האָבן פון קלייד —
וואָס מיידלעך נייען, נייען זיי מיט פרייד
און באַלד וועלן זיי אויכעט ווערן כלות, —
וועלן אויך בענטשן לעכט, אויך באַקן חלות . . .

משה מאיר אָנשטעלער

וואָס איז געוואָרן פון משה מאיר אָנשטעלער,
וואָס פלעגט זינגען, זינגען און זינגען —
און זיין טאַטנס קול האָט צוריקגעקלונגען
און אין געבעט האָבן זיך געקאָלערט טרערן :
משה מאיר, ווילסט נישט זיין קיין לייט ?
משה מאיר, וואָס דען וועט פון דיר ווערן ?
משה מאיר אָנשטעלער וויל גאָר נישט וויסן ;
מעג דאָס דעם אַלטן הונדערט מאָל פאַרדריסן,
וואָס ער דרייט זיך אַרום די טעג פוסטע־פאַס ;
נאָר סזינגט פון אים אַרויס ווי פון אַ פאַס.
נאָך יונגען ווי ער, וואָס האָבן ליב אַ ניגון —
זיצן מיט אים און גאָרגלען און כאַפּן פליגן.

* * *

סע וואָלט אפשר אזוי געווען ביז תמיד, ביז אייביק ;
וואָלט משה מאיר זיך אזוי געגאָרגלט און געזונגען.
נאָר אָט איז אָנגעקומען די מלחמה פון 1914,
און האָט משה מאירן צוגענומען און איינגעשלונגען . . .

דער סך־הכל פון אַ מישפּחה־בוים

אין יאָר 1914 נעמט פראַנץ יאָזעף
שמואל ייטעלעס אין דער מלחמה אריין.
טעג שפּעטער, ווערט ייטעלע דאָס ווייב
שלאָף מיט דער כאָליערע און פלעקן־טיפוס ; —

— אין היץ און אנגסטן איז זי אויסגעגאנגען.
אין יאָר 1916, אין שמואל ייטעלעס
געפאַלן אָפּן שלאַכטפעלד אנטקעגן שונא.
ליגט ער אין א מאַסן־קבר — באַערט —
מיט אַן אָרים, הילצערן צלמל צוקאָפּנס.
דער זעקס־יעריקער יתום, יאַנקעלע, איז
געפאַלן און האָט זיך צעקלאַפּט א קני.
איז די קני אַזוי געשוואָלן געוואָרן, —
אַז ער האָט געקרענקט און געקרענקט —
און איז פון דער נארישקייט געשטאָרבן.
איז געבליבן די אַכט־יאָריקע שרהלע;
א בלייך מיידעלע מיט די שטילע אויגן.
איז געבליבן די שטוב מיט דעם אַלקער;
אין דעם קליינעם הייזל מיט די טרעפּלעך.

* * *

יאָרן לויפן און יאָרן קומען צוגיין,
איז אויך שרהלע געקומען צוגיין —
פון דער פרעמד, פאַרקויפן די ירושה.
דאָס איז אין דעם יאָר 1925 — און
שבת־נחמו גייט שרהלע חתונה האָבן.
נפתלי קירזשנער האָט איינגעהאַנדלט
דאָס קליינע הייזל מיט די טרעפּלעך,
פאַר פיר הונדערט זילבערנע זלאָטעס —
נדן דער יתומה־כלה, שרהלעס־וועגן . . .

וועקסלער, דער שטאָט־גביר און שמחה גיטעלעס פידעלע

ר׳ יאַנקעלע וועקסלער, דער שטאָט־גביר,
האָט משרתים און א סך דינערשאַפטן;
ער האָט הייזער, שלעסער און גיטער,
און איינגעמאַכצן פון אַלערליי זאַפטן.

א הויז, אָן אָפּענע טיר פאַר אורחים;
א בן־תורה און א גרויסער בעל־צדקה, —
פּאַרט ער אָף יאַרידן און יאַרמערק
קיין לייפּציג, קיין אָלמיץ און קראָקע.
— אין שטעטל האַלט ער די פּראָפּענאַציע;
דאָס איז שוין פון יאָרן זיין חזקה.
געדונגען פון פּריץ פאַר כּך־וכך;
ווער ווייסט צי צאָלט ער ווינציק,
צי ער צאָלט ריינישלעך א סך, א סך.
יעדע זיבן יאָר ווערט באַנייט דער מקח;
— קיינער גייט נישט אריין אין זיין גבול,
נישט אין דער הויך, נישט אין דער שטיל.

מיטאַמאָל — סע גייט אויס דער זמן.
קומען צום פּריץ מיט פעסטע שפּאַן,
פיר שטאָט־באַלעבאַטים, סוחרים יידן;
צוגעזאָגט פאַר דער פּראָפּענאַציע מזומן,
— מער וויפיל ער האָט אַלעמאָל געגומען,
מער ווי סאיז אים לויטן ווערט געקומען . . .

דער שוואַרץ־אויגיקער שמחה גיטעלעס,
איז א קליינער און א זשוואַווער יידל;
ער האָט אַליין זיך אויסגעלערנט —
גרימפּלענדיק שפּילן אויף זיין פידל, —
איז ער א פריילעכער דלות,
אזא לעבעדיק יידל . . .
קומט ער צום גביר וועקסלער צום טיש,
צו דער פּורים־סעודה מיט א געמיש
פון אַלערליי גראַמען און לצנות;
ווי א מאַרשאַלעק מיט זיין בדחנות;
וועגן דער אויסגעדונגענער פּראָפּענאַציע,
שפּילט ער און זינגט אזא פּאַרפאַציע:
זיי האָבן זיך נישט איבערגעטראַכט,
זיך נישט איבערגעקלערט;

סאיז געווען זייער שכל פארדרייט,
זייער שכל פארקערט . . .
וואָלט נאָר עמיץ געווען זיי זאָגן:
נגידים אזעלכע ביי וועקסלערס טיר
טוען די פּאָמעיניקעס ארויסטראָגן.
טראַלאַ, לאַ, לאַ, טראַלאַ, לאַ, לאַ, לאַ.
די געסט ביים טיש הערן מיט חידוש,
שמחה גיטעלעס גויאישן קידוש —
און פארשטייען נישט ווי אזוי גרינג,
פארפאסט אזא פארפאסונג דער שנץ־יונג?
ווייל ווען יעדן האָט ער א גראַם,
שפּאָט זייער יחוס, חוזקט זייער שטאַם.

„קלמן דראָמענשלעגער, דער יונגער שנעק,
וואָס פארמאָגט ער דען אין זיין פארמעגן גאָר!
סע וועטאָך אים באַלד זיין דער עק,
איידער סוועלן אויסגיין די זיבן יאָר.
ער האָט נאָך נישט געטאָן מאָזלען און נישט פּאָקן,
סאיז נאָך אויף אים קיין קילע לופט נישט געקומען.
באַשטענדיק געפּוצט, געדרייט די לאָקן,
א גאַנצער עושר, — א סך מזומן.
פאַר אַן עושר האַלט ער זיך דאָך,
ער מיט די אויגן־גלאַזער;
ער וואַקסט אַן אָרימאַן איבער נאַכט
און וועט גיין אין די האַזער . . .
טראַלאַ, לאַ, לאַ, טראַלאַ, לאַ, לאַ.
מענדל אייזנקרעמער, מיט טשוועקעס מיט דראָט,
דער געמיינער אויסזען, דער מדינה־אורח;
ער וועטאָך גאָר אויסגיסן דאָס באָד,
ער איז איינגעגאַנגען אין קריג פון קורח.
אויף זיין וואַנדער וועט לויפן,
אפילו א קינד פונם וויגל;
פון אייזנגעוועלב וועט ער פארקויפן
גרויפּן און פעטס אָף א קיגל.

טראלא, לא, לא, טראלא, לא, לא.
טוביה גאָלדענבערג, — אָן חסדים —
האָטאָך געהאַט אַנדערע ברירות;
זיך אָפּגעגעבן מיט גוואַישקע עבדים,
נישט מיט קיין מצוות, נאָר מיט עבירות.
מעשי זמרי, האָט ער געטאָן,
און שכר וויל ער האָבן
פון פנחס בן אלעזר — — — —
הכוהנס זון . . .
טראלא, לא, לא, טראלא, לא, לא.
ווען סאיז געקומען פרייטיק זייגער 9,
מהאָט נאָך אין פּראָפּעגאַציע נישט געלייזט
דאָס וואָרט — צל.
האָט מען געפירט דעם בלינדן פּייוול
אין דער פּראָפּעגאַציע אַריין,
און סאיז אין אים געשפּרונגען די גאַל.
ווייל דער „פּריישענס" אַקעגן —
איז אַ גרייטע קרענק;
איין גוי טוט דעם אַנדערן פרעגן:
„גדזשע טו וועקסלערי שענק?"
פאַר גרוים מסחר וועלן זיי נאָך לויפן
אַהער און אַהין;
זיי וועלן פאַרזאָגן קינדס־קינדער,
זיי זאָלן אַזעלכע נארישקייטן נישט טין.
טראלא, לא, לא, טראלא, לא, לא.

איידער די זיבן יאָר זענען אַוועק,
האָט מען זיך געקריגט אָן אָן עק;
אין דעם קליינעם, פּיצל — העק.
וועקסלער האָט געדונגען שלעגער
און אַלערליי היימישע פאַרשווינען,
זיינע אויסדינגער צו באַלוינען.

און שמחה גיטעלעס נבואה —
איז נעבעך, גיך מקוים געוואָרן;

אויף די פיר שטאָט־באַלעבאַטים
האָט גאָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן, —
אַזוי, אַז די אויסדיינגער
האָבן דעם לעצטן גראָצער פאַרלאָרן.
די באַטיאַרעס אויף די ראָגן
רייצן אָן די חדר־יינגלעך,
וואָס קלייבן שמאַטעס און ביינער;
ווי סהאָט נאָך נישט געטאָן קיינער —
נאָכצוקרימען שמחה גיטעלעס
און אים באַווארפן מיט שטיינער.

סע האָט שוין דער דריטער דור
דורכגעשלייכט זיך און אריבער,
זינט די מחלוקה איז אָנגעגאַנגען
אין קומאַרנער יידישע שטיבער —
און וועגן דער פראָפענאַציע —
געזונגען שמחה גיטעלעס לידער.
און זיי, שמחה־גיטעלעס בנים,
די קינדער און קינדס־קינדער;
און אפילו זייערע מחותנים —
שעמען זיך, ווען מדערמאָנט:
„וועקסלערס פורים־סעודהלע
און שמחה־גיטעלעס פידעלע...״

די מומע אסתרס טענה מיטן ווינט — אין יאָר 1919

הערט ווי סהוזשעט, הערט ווי סרעגנט,
הערט ווי סע ברומט דאָרט דער ווינט.
הערט עמיץ וויינט, וויסטו, ווער סאיז? —
דאָס וויינט אסתר נאָך איר איינציק קינד...
געגאַנגען איז ער אַוועק אין דער שלאַכט
און אהיים געקומען — שוין נישט מער.
וואו ליגסטו באַגראָבן, וואו איז דיין קבר?
צי וועט אָס באַנעצן דיין מאַמעס אַ טרער?

כוויל זיך נישט גלויבן — ער איז געפאַלן;
נישט גלויבן אַף מיין איינציקן קינד.
כפלאַטער און פיבער אַרום אַף די וועגן:
אוי, וואו ביסטו, וואו ביסטו אַצינד!
הערט ווי סקריצט, הערט ווי סע יאָמערט —
און שרייט מיט כעס דאָרט דער ווינט:
טאַקע, וואו האָסטו? הער נאַר, וואו איז, —
וואוהין האָסטו פאַרטראָגן מיין קינד?

הערט ווי סקלאַגט, הערט ווי סבעט, —
מיט מיטלייד, פאַר מיטלייד — דער ווינט:
כוויל דיר העלפן, איך טו דיר העלפן —
באַווייינען ספאַרלוירן־געגאַנגענע קינד . . .

נעכע־פעשע וואַרט פאַרן שדכן

אז איך בין אַלט געווען 17 יאָר,
האָב איך מורא געהאַט פאַר אַ בער;
ביז סאיז געקומען — ער,
יאַנקעלע פוטצער, דער שדכן
און אָנגעשלאָגן זאַנוועלן פאַר אַ חתן,
מהאָט תנאים געשריבן, טעלער געקלאַפּט —
און איך האָב מיט מזל חתונה געהאַט.

: : : :

היינט שטיי איך אויף מיין טיר און וואַרט —
אַז סזאָל ווידער קומען — ער
(ווייל כהאָב שוין נישט קיין מורא פאַר אַ בער)
יאַנקעלע פוצער, דער שדכן —
ווייל כהאָב שוין אַ טאָכטער פון 17 יאָר.

דער קרומער דאָקטאָר שיקעלע

א זעקס יאָריקער ווילדער יינגל, מיט א ווילדן קאָפּ;
פארשטייט ער נישט און סע שרעקט אים נישט אָפּ
צו קריכן אָף דעכער פון קאמערן און שטאלן,
ער גליטשט זיך אויס, פאלט אראָפּ — איז פארפאלן . . .
ער שרייט טאקע, נאָר ווער הערט דען זיין געשריי?
קיינער קאָן דאך נישט אָפּבלאָזען וואו סטוט אים וויי.
א יינגל טאָר נישט ווערן צו געלעכטער און שפּאָט,
א יינגל זאָל אינזינען האָבן תורה, — מורא פאר גאָט.
א יינגל טאָר נישט קריכן אָף די גלייכע ווענט;
נאָר דאנקן, וואָס ער האָט גאנצע פיס און הענט . . .
דער אמת, אז שיקעלע האָט טאקע צעבראָכן א פוס.
גייט ער אָף שטאָלצן און איז גרין ווי גראָז.
א יאָר שפּעטער נעמט אים אויך וואקסן א הויקער;
רייצן זיך די קינדער און רופן אים: קרומער פּויקער, —
ווייל אייזיקל דער פּויקער האָט אויך א הויקער
און אזוי מאכן זיי אזא גראַם צו — ערב־ובוקר . . .
קינדער זענען קלוג, נאָר אמאָל שטופּט זיי דער נאר.
ווייסן זיי נישט, אז זיי ברענגען א צווייט קינד צער.
קוקן צו יענעמס צרות, וואָס ברענגט זיי שאָדן־פרייד;
און חוזקן פון שיקעלען, וואָס איז געשטראָפט און ליידט.
— ווען זיי וואָיעווען אָף בערג און אָף טאָל —
און שיקעלע וועט נישט קענען שפּרינגען, שוין קיינמאָל . . .
דער 18־יאָריקער, קרומער שיקעלע מיטן ווילדן קאָפּ —
באגערט צו לערנען. לערנט און לאָזט נישט אָפּ.
פאָרט ער אוועק אין א גרויסער, ווייטער שטאָט אריין,
שטודירט דאָקטאָריע אין דער אלטער שפּראך לאטיין.
ווערט דעם קרומעם דאָקטאָרס נאָמען בארימט און באקאנט,
איבער דער ברייט און לענג פון גאנץ גאליציע־לאנד.
איז תמיד באלאגערט דאָקטאָר שיקעלעס טיר און טויער.
יונג און אלט קומען און לאָזען דאָ זייער טרויער.
דער דאָקטאָר איז רייך, פול מיט פראכט און גלאנץ; —
נאָר זיין צובראָכענעם פוס קאָן ער נישט מאכן גאנץ . . .

לעמל דער בוימייסטער פון דער נייער וועלט

א מוליער ייִנגל, ווי א פּראָסטער שניץ איז לעמל געווען.
נישט שרייבן און ער האָט אויך נישט געקענט לייענען;
אָבער תּמיד אין גאַס, האָטן לעמלען אויסגעצויגן געזען —
א פּיר־ייִדער צווישן אַזוינע, ווי ער, פּאַרשווינען.
דער אייבערשטער גיט אים איין א געדאַנק אין קאָפּ —
דער מוליער זאָל זיך נעמען אויפשטעלן הייזער;
מיט בריקן, מיט טיר און פענצטער אַזוינע,
וואָס וואוינען מעג אין זיי נאָר דער קייזער.
לעמל ווערט אַן אונטערנעמער, א בודאָוניטשע.
ער שטעלט אויף א גאַס און רופט זי: — די נייע־וועלט.
דאָס שטעטל האָט אַזוינס נאָך נישט דערלעבט צו זען,
אַזאַ הויז קאָן זיך יעדער קויפן מיט קליין־געלט.
דאָס שטעטל פּויקט אָף קעסל און אָף כּלים:
אַז די וועלט האָט זיך גאָר דאָ איבערגעקערט;
לעמל טראָגט אין דער וואָכן א פראַק און א קיסטאַנד —
רייך ווערן איז דעם לעמלען פון הימל באַשערט.

* * *

א סך געדענקען דעם מוליער יונג לעמל, נאָך פון יענע יאָרן
און די וואָס געדענקען נישט ווילן דאָס נישט גלויבן,
אַז א פּראָסטער יונג האָט געקענט מיט די אייגענע הענט
ווערן א מענטש, צום פּאַניע־בוימייסטער זיך דערהויבן.

* * *

לעמל בוימייסטערס איידעם איז א דאָקטאָר פון פערד.
דער צווייטער טאָכטערס מאַן איז א לערער אין דער גימנאַזיע;
ביי זיי אין שטוב וואַרפט מען זיך מיט ווערטער, —
און שטאָלצירן דווקא אָף פּויליש, מיט יאַסנאַ פאַנטאַזיע.
פרייטיק צו נאַכט ביי דעם בוימייסטער אין הויז,
איז פּוטער־ברויט מיט שוואַרצער קאַווע אָפן טיש געגרייט;
טאַקע דעמאָלט, ווען ביי אַלע ייִדן אין קומאַרנע,
איז חלה, פיש, געדעקט אין דער לענג און דער ברייט,
קלינגט א קלאַנג, אַז דער בוימייסטער גייט זיך שמדן.
א סימן, אַז ער רעדט כּסדר מיט אַלעמען דאַטש,

און האָט צוויי רויטע הינט פאַר דער הויזטיר,
וואָס, אַז זיי זעען דורכגיין אַ ייִד, — ווערט אַ רעש . . .

שפּערלינג דער בוכהאַלטער

פון דעם ערשטן שטאָק,
פון דעם טאַטנס הויז —
גייט שפּערלינגער־בוכהאַלטער
אין זיין פּעטערס באַנק אריין:
„באַנק דלאַ האַנדלו, האַנדל״ —
„יאַקיע פּאָוויעטשע ? ? ?״
און ווי דאָס וועטער —
אַזוי די באַנד אויף דעם פּאַנאַמאַ־הוט . . .
איז אַ טאָג שיין־זינגענדיק,
ווי דער סקריפּ פון די זשעמסקע טריט;
די באַנד איז גרין, פרילינגדיק . . .
איז דער טאָג קאַלאַמוטנע,
ווי ביים אָרעמאַן אין האַרצן;
די באַנד איז שוואַרץ, טרויערדיק . . .
קומט אַ טאָג נישט אַהין און נישט אַהער,
קוקט די באַנד פון קאַפּעליטש אַראָפּ,
ווי כיטילס נעפּגרט פערד מיט איין אויג . . .

קוקן זשעדנע די שיינע דינסטמיידלעך,
ווי פאַר זיין פּעטערס טאָכטער,
דער פּאַננאַ דראָמערשלעגעראָוונאַ,
טאַנצט שפּערלינגערס פּאַנאַמאַ אין האַנט אריין . . .
מאַמעס קינדער — באַלבאַטישע טעכטער,
חלשן און קוקן אַרויף צו די טרעפּ,
וואו שפּערלינגער־בוכהאַלטער
גייט פון ערשטן שטאָק,
גייט פון טאַטנס הויז —
צום פּעטער אין באַנק אריין — בוכהאַלטן.

דאָקטאָר חיים־יואל מעס

סאיז נישט אליהו הנביא,
סאיז נישט דער בעל־שם־טוב ;
סאיז נישט דער פּאָסטוך
ביים פּיטערן זיינע שאָף.
סאיז דאָקטאָר חיים־יואל
מיט ערלעכע געדאַנקען,
גייט אַרויף די טרעפּ
צו היילן אַ קראַנקען.
ער גייט אַהין אַריין,
אין די צערדיקע שטיבער ;
לאָזט ער אַלעמאָל דאָרט,
אַ טרייסט־וואָרט איבער.
האָט דער קראַנקער געלט, —
באַצאָלט ער דערפאַר ;
און טאָמער, אַז נישט,
איז דאָס גיין אַליין שכר.

סאיז נישט אליהו הנביא,
סאיז נישט דער בעל־שם.
סאיז דאָקטאָר חיים־יואל
מעס . . . .

די מאַמע עטל מעכל־שאַיעס

די מאַמע עטעל מעכל־שאַיעס
האָט געקינדלט זין און טעכטער ;
נאָר וואָלטשע דער בכור,
ער איז געווען דער שלעכטער.
שוין אין זיין צוועלפטן יאָר
איז ער אוועק אין דער פרעמד ;
פלעגט ער אהיימקומען אָף יום־טוב
פון ווין אין אַ קראָכמאַליעטן העמד.
צו די דריי ברידער און שוועסטער —
צו יודל בערישן און יונה באַלאַק —
שפּרעכט ער אַן „אַדיע" און אַ גוטן „טאַאג".
זי, נעבעך, עטל מעכל־שאַיעס
כליפּעט שוין איבער אַ נייעם —
נאָך יום־טוב פאָרט וואָלטשע ווידער אַוועק.
די מאַמע דאָ אין דער היים,
איז פול מיט מורא, מיט שרעק
פאַר איר קינד דאָרטן אין דער פרעמד ;
ווער קאָכט אים דאָרט אַ לעפל ווארעמס ?

ווער וואַשט אים דאָרט אויס אַ העמד?
אינמיטן נאַכט, דער פאַטשטער קלאַפּט אין די שויבן.
ער ברעכט דעם טויער, אויערן צו פאַרטויבן.
מען עפנט דעם עקספּרעס בריוו מיט שרעק און זאָרג;
דער פאַסט־טרעגער לייענט פאַר: — אהא, נעוויאָרק!
אייער זון, ברודער לאָזט אייך וויסן:
ער וואָלטשאַק איז שוין אין אַמעריטשקע
און לאָזט אייך אַלעמען הארציק גריסן . . .

שיקט ווילי אַ בריוו פון אַמעריקע:
פאַר יידן איז דאָס לאַנד דאָ אַ גן־עדן־ריקע,
יעדער קאָלומבוסניק האַנדלט מיט דזשאָנקס;
די מאַמע דערמאָנט דאַוונען — זאָגטן דאָ — איז באָנקס.
איך זענד אייך אָבער אַ זייגער מיט אַ קייט
פאַר חתן־מתנות, פאַר חוה לאהן;
זי זאָל חתונה האָבן מיט דעם בוי,
און דערנאָך — זיי בײדע אינצוווייען,
זענד איך אַרויס שיפסקאַרטן —
באַלד נאָך דער חתונה נישט צו וואַרטן,
אַרויפזעצן זיך אויף דער שיף און פאָרן,
נישט פטרן אין שטעטל אומזיסט די יאָרן.
קומט אַהיים אַ בריוו פון חוה לאה — לינע,
דאָ ביי קאָלומבוסן איז זי נאָך אַ גרינע;
באָט, אַ לעבן מאַכט דאָ איעדער.
אויף שור, משהלען אַרויסנעמען פון חדר,
אַריינגעבן צו אַ שניידער לערנען נייען,
ווייל אין אַמעריקע איז מיט גאָלד גלייך —
דער יעניקער וואָס קען אַ מאַשין דרייען.
ציטערט דאָס פלעמל פאַר די קינדער אין שטוב,
דאָס וואָרט אַמעריקע און די קנאַקעדיקע דאָלאַרן;
דער מאַמען טוט ווי דאָס האַרץ, —
אָבער, פאָרט, וואָס קען זי טאָקע אָרן?
משהלע גייט דאָ אַרום שלינג און שלאַנג
און מען ציילט אין מויל אַריין דעם ביסן.

בעסער וועט ער ווי ווילי פון אמעריקע
אהיים שיקן דאָלארן מיט גאָלדענע גריסן.
אודאי דער מאַמען טוט פאָרט באַנג —
ספּליען אוועק איינס־אַם־איינס די טויבן,
זעט זי אין חלום ווי אַ שנאָבלדיקער אָדלער
וויל מיט מאַכט אַלע שוועלבעלעך איר רויבן.

אויסגעטאָן האָב איך שוין די היימישע קאַפּאָטע,
פאַר קומען אהער האָב איך נישט קיין חרטה.
דאָס שרייבט אייך משהלע, אייער מאַיק;
אויף געפילטע פיש זאָג איך: אַי דאָנט לאַיק.
בין איך אַן אָפּערייטאָר און שטעפּ וועסטן;
האָב איך זיך שוין מיט וואָס צו טרייסטן:
סטרעפּט זיך מיר צו דינגען אַ שאָפּקע,
וועל איך ווערן אָל־ראַיט, אַ באָסל.
זאָל נאָר קומען דער עלטערער ברודער יאָסל,
וועט ער זיך גיך אויסלערנען מלאכה,
בײדע צוזאַמען — מיינט: מזל און ברכה.
יאָסל נעמט דאָס תפילין זעקל און אוועקגעפאָרן.
סע גייען די טעג און סע קומען די יאָרן
און מהערט נישט עמיצער זאָל איצטער פאָרן
דאָרט אין דער מדינה — אין אמעריקע לאַנד;
סזאָל קומען אַ גרוס אָדער אַ לעבנס־צייכן,
זיי — די קינדער — דערציילן פון דעם בראַנד
און פון דער מאַמעס ווייַנען טרערן טייכן
און פון דער שוועסטער דאַרן און בלייכן.
די מלחמה האָט איבערגעשניטן די וועלט אין צווייען,
מהערט שיסן קאַנאָנען, מהערט בלויז געשרייען
פון צעשאָסענע גלידער, פון פעלדער פון שלאַכט;
זעט, וואָס מהאָט פון דער וועלט געמאַכט!
וואַרטן מאַמע און טאָכטער אין הונגער און קעלט.
די מוזינקע שרה גייט אוועק פון דער וועלט.
בלייבט עטל מעכל־שאַיעס איינע אליין —
אַן אַ רינד, אַן אַ קינד, עלנט ווי אַ שטיין . . .

אוים מלחמה 1914 און סאיז פרידן געוואָרן —
נאָך אזויפיל געמאַטערטע, פלאָגעדיקע יאָרן.
דאָס וואָס איך בין פון דיר אזוי ווייט
און שרייב דיר ווערטער ווי שור און אָלראַיט, —
מיינט נישט, אז כהאָב פארגעסן דיך, ליבע מוטער.
איך, ווילי, שרייב און דערמאָן זיך אין דער היים,
גייט איבער די ביינער אריבער א ציטער.
דאָס הארץ קלאַפּט: טאָמער, חלילה, טאָמער?
דו ביסט געבליבן דאָרט צווישן פרעמדע.
דיינע קינדער שרייבסטו, זיינען אוועק הענדעם־פּענדע.
כוויים, דו מאָלסט דיר אוים א גליק אין רעגנבויגן פארבן,
זוכה זיין צו זען דיינע קינדער א מינוט פארן שטאַרבן.
דאָס וואָס אונזער שוועסטער שרה איז פון הונגער אויסגעגאַנגען, —
ווען מיר דאָ האָבן געזעטיקט אַלע אונזערע פארלאַנגען . . .
דו וועסט מיר אודאי גלויבן: א הארץ פילט א הארץ!
די לאַנגע ביי אונז איז געוואָרן פינצטער־שוואַרץ.
איך, דזשאָו, לינע און מאַיק — דיינע קינדער,
זאָגן אז סאיז נישט אזאַ וואונדער,
וואָס דו ווילסט ניט קומען אין טריפהנעם לאַנד.
סע וואָלטאָך געווען הימל־געשריי און א שאַנד,
אויף דער גרויער עלטער אָנצוקומען צו איידעמס און שנורן;
זיי זאָלן זיך איזדיעקעווען און מלחמות פארפירן —
ווייל די אַלטע ווייס נישט ווי אזוי צו פאַראַדירן . . .
דערפאַר שיקן מיר דאָ אונזער פארמעגן, אונזערע פאראַפּיעס;
פון אַלע דיינע אייניקלעך, קיין עין־הרע, די פּאָטאָגראַפּיעס.
דזשאָוס און לינעס באָים זיינען זיבן אַלט — שפּילן פידל;
מיין סעידעלען איינצוואווינגן פלעג איך זינגען איר דיין לידל:
„אונטער וואָלטשעלעס וויגעלע
שטייט א גאָלדן ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען,
קיין אמעריקע, ראָזשינקעס און מאַנדלען.
האָט דאָס וויגעלע דאָס ציגעלע איבערגעלאָזט
זומער אין די היצן און ווינטער אין פראָסט . . .
זומער אין די היצן און ווינטער אין פראָסט . . .”

אין בעט די אַלטע איז שוין דאָרט מער ווי דאָ.
עטל מעכל-שאַיעס וואַרט פאַר דער שעה
ווען זי וועט אָפּגעבן דעם איינציקן די נשמה ;
נאָר די פּאַפּירענע אייניקלעך — איר איינציקע נחמה,
האַלט זי איינגעוויקלט אין אַ פּאַטשיילקע אונטערן קישן.
יעדן פרי וואַשט זיי, קעמט זיי, לערנט די נעזלעך אָפּוויש‌ן.
און נאָר די אַלטע עטל דרעמלט איין,
זעט זי ווי דורך אַ שיין :
סע פליען אַוועק איינס-אַם-איינס די טויבן.
הויבן זיך אירע הענט אין אַ געשריי : —
אַ שנאָבלדיקער אָדלער וויל די אייניקלעך מיר רויבן ! ! !

דעם משוגענעם פישלס וועג צו באַוויינען זיינע טעג

די טעג גייען אָפּ מיט בלוט,
געפאַנגען אין איינגעצוימטע מינוטן ;
שטאַרבן אַזוי איינציקווייז —
אַזאַלכע אָרעמע טעג, זיי פאַרבלוטן.
די פאַרבלוטיקטע טעג קומען ווידער, —
שיינען אויף מיט אַ רויטן שיין.
זיי קומען און זיי לייכטן אויף ;
לעשן זיך, ווילן ווידער קומען צוגיין...
גייט אָן אַזוי דער דורות-שפּיל, —
פון רגעס לעבן, שעהן און טעג.
גייט מיט — מיט טעג דער מענטש ;
— דערזעלבער גורל, דעמזעלבן וועג...

*　*　*

מאיז דאָך נישט זעכער מיטן לעבן,
זינט דער טויט איז געבוירן געוואָרן ; —
שוין אַזויפיל, מיליאָניקע יאָרן...
אַמאָל קומט ער ווי אַ דונער,
טיילמאָל, אַזוי גרינג ווי אַ בליץ ;
און רייסט אויס אַ לעבן מיט אַ קריץ.

נעמט דער טויט צו דאָס טראַכטן,
נעמט ~~דער~~ טויט צו דעם באַגער ;
מעקט אויס דאָס מינדסטע ביסל קלער.
וואָסזשע, וואָס הייסט אַזוינס לעבן ?
— אַז דער טויט שטייט אים אין וועג ; —
אַ שיף, וואָס קערוועט תמיד צום ברעג...

ווען איך קוק אַריין אין שפּיגל —
געפעלט מיר נישט מיין אייגן פּנים ;
בדערזע ווי איך זע אויס —
נישט אַנדערש, ווי אַלע יעוואָנים.
לאָז איך זיך נישט פאָטאָגראַפירן —
צו קוקן אָף מיין אייגן בילד ;
כהאָב מורא, כוועל זיך פאַרשעמען
פאַרן צעשויבערטן שריינט, וואָס איז ווילד.
ווייל סאיז דאָך מער נישט דער גאַנג
צו טראָגן קורצן שכל און לאַנגע האָר ;
טראָג איך אָבער גאָר אַ פאַרקרומטע נאָז,
און באַברילטע, ברוינע אויגן — אַ פּאָר.
היט איך זיך פאַר די שכנים —
אַז קיינער זאָל אָף מיר נישט קוקן ;
— מיין פּנים קאָן נאָר אַ מאַמען געפעלן,
אַזאַ פּנים קאָן נאָר אַ מאַמען דערקוויקן...

אַ טריבע נאַכט,
סרעגנט — קאַלט ;
אַ דונער קראַכט
אין טיפן וואַלד.
מיין שאָטן גייט
כסדר פאַראויס ;
— אַ יעדן טריט,
צו מיין הויז.
זע, סגייט אויס
דער רויטער שיין ;
אין דעם הויז,
וואָס איז מיין.
סאיז פינצטער-שוואַרץ
אַלצדינג שלאָפט ;
— סוועקט מיין האַרץ
די ווילדע לופט.

***

סגייט שוין אונטער —
שטיי איך און טראַכט ;
אָט, אַזאַ וועלט —
אין דער נאַכט...

* * *

מענטש:

אויב סהאָט זיך צעבראָכן בא דיר א פוס
פון א בענקל, פון א טיש, צי פון א וואזע?
דאַנק גאָט, וואָס דו גייסט אַף די אייגענע פיס
אהין — וואו דער קייזער אפילו גייט צו פוס...

מענטש:

אויב סהאָט זיך בא דיר צעבראָכן א הענטל
פון א פענדל, פון א שפיגל, צי פון א זייגער?
דאַנק גאָט, וואָס מיט דיינע אייגענע הענט
דערלאַנגסטו דאָס עסן דיר אין מויל אריין...

מענטש:

אויב סהאָט זיך נאָכגעלאָזט אזא אויג
פון א זאָק, פון א סוועטער, צי פון א קראַוואַט?
דאַנק גאָט, וואָס מיט דיינע אייגענע אויגן
קאָנסטו זען — די זון אויפגיין און אונטערגיין...

* * *

מיינע טרערן זאָלן גיין פאַר גאָט
און אין וועג — גליווערדיקע ווערן.
מיינע טרערן זאָלן דאָרט, פאַר גאָט,
גלאַנצן ווי די ווייטע שטערן.
כהאָב זיך היינט — אויסגעוויינט —
דערפילט די גרינקייט פונעם מאָרגן;
א לויב צו אים וואָס האָט באַשאַפן —
א וועלט מיט טרערן און זאָרגן.
מיינע טרערן זאָלן גיין פאַר גאָט
און ווי די ליכטיקע טייכן בלישטשען.
מיינע טרערן זאָלן דאָרט, פאַר גאָט,
בעטן און ווי די פייגעלעך פיסטשען.

דאָס געוויין פון אַ קינד

א קינד האָט היינט געוויינט אין גאַס —
אין דער שטאָט ניו־יאָרק,
איז א גאַנצע שטאָט צונויפגעלאָפן;
און איינגעלייגט וועלטן —
צוליב א געוויין פון א קינד;
פון איין־איינציקן קינד . . .

דעריבער קאָן ניו־יאָרק נישט פארשטיין —
ווי אזוי האָט געקאָנט דער רוצח:
דער דייטש, דער פאָליאַק, דער לעט,
דער רוס, דער רוטענער, דער ראָמענער
און אלע אנדערע יעזוס־גלויביקע, —
הרגענען מיליאָנען יידישע קינדער?!
נישט איינס,
נישט צוויי,
נישט דריי,
נישט פיר,
נישט פינף,
נישט זעקס,
נישט זיבן,
נישט אכט,
נישט ניין,
נישט צען; —
— ביז צען איז א שוידער צו ציילן!
— ביז צען איז א שרעק צו ציילן . . .
טאָ ווי אזוי האָט ער גענומען א מיליאָן,
מיליאָנען וויינענדיקע, לעבעדיקע קינדער, —
אָן א פינטל פון אַן אויג,
אָן א ציטער פון א ברעם;
זיי געציילט און געציילט —
אין מאָדערנעם גאַז־אויוון אריין
האָט אים נישט געשווינדלט פאַר די אויגן?

— די מיליאָנען, מיליאָסן יידישע קינדער;
צו שלאָגן זייערע קעפּלעך אין וואַנט?
דאָס בלוט אין די קליינע קינדערשע געהירן —
— האָט אים נישט אַרויסגעטריבן פון געדולד?
— פאַרזיכטיק צו ציילן די מיליאָנען קינדער . . .
האָט ער נישט געקוקט אין זייערע קינדערשע פּנימער?
זייערע קינדערשע טויטשרעק האָט ער נישט געזען?
און זייער קינדערש געוויין האָט ער נישט געהערט?
אָן אַ פינטל פון אַן אויג,
אָן אַ ציטער פון אַ ברעם;
— געוואָרפן און געוואָרפן אין גאַז־אויוון אַריין . . .

* * *

רוצח, גיב מיר צו פאַרשטיין,
פאַרוואָס אין שטאָט ניו־יאָרק,
אַז אַ קינד האָט היינט געוויינט;
איז די גאַנצע שטאָט אָנגעלאָפן,
איז אַ גאַנצע שטאָט געווען גערירט —
פון דעם געוויין פון אַ קינד . . .

אַ בריוול קיין אַמעריקע פון פוילנלאַנד

— אין אַמעריקע זאָלט איר קושן די שטיינער.
אַפילו אין קברים — פון טויטע — די ביינער,
גיבן דאָ־הי, די פּאָליאַקן נישט קיין רו.
קאָנסטו וויסן וועגן די לעבעדיקע יידן;
וויפל פרייהייט זיי האָבן, וויפיל פרידן.
ביי אונדז דאָ איז פינצטער די שעה . . .
— אָן אַ שוך און אָן אַ העמד אויפן לייב —
גייען אום די קינדער און דאָס ווייב.
מלאָזט נישט אַרבעטן און נישט האַנדלען,
וואו נעמט מען אין מויל אַריין דעם ביסן?
אוי, ברודער, ווערט מען אויסגעריסן!
— איר דאַרט, האָטאָך ראָזשינקעס און מאַנדלען . . .

— דאָ איז אַ ייד דאָך גאָרנישט די ווערט
און גרייכן און טרעטן אויף פּויער ערד —
וואָלט איך דעם ים אפילו אַריבער געשוואומען.
דאַרף איך זיך פאַר אַ ברודער דען שעמען,
אַז סקומט מיר אוים דאָס לעבן צו נעמען —
אויב איך קאָן נישט קיין אַמעריקע נישט קומען . . .

מיין טאַטע

ווי לאַנג איז דאָס דען, —
אַז מיין טאַטע האָט געלאָזט מאַכן
איבער די לאַנגע באַליקעס —
אַ גלאַטיקן סופּיט,
פאַר דער דריטער מעבל־שטוב —
און אַ דרייעקיקן קאַפּליע־אויוון
מיט אַ געזימס און מעשן באַשלעג.
דאַדיע דער מוליער איז געקומען
מיט וואַפּנע, ליים, ציגל און קאַלעך.
ער ברענגט אַ סטויג טראָסטינעס ;
ווייסע, לאַנגע, יאַמשענע בויגעדיקע.
דאַדיע מיטן העמערל בראַקט און זאָגט :
„טויזנט מאָל זאָלט איר מיר מוחל זיין,
אַ נאַר ווייזט מע ניש קאַ האַלבע אַרבעט . . .״
ווי לאַנג איז דאָס דען, —
ווען שכנים האָבן זיך די צונגען אָפּגעביסן :
„איציק שניידער האָט שוין אויך אַ סאַליע . . .״
די שטאָט גבירים איז געוועזן פריקרע :
„די שניידער האָבן שוין מעבלשטיבער היינט !״
איך אַ יינגל אָף די קאַבריצן, אָף דער בריק
אין מעבלשטוב און קוק אין לאַנגן שפּיגל אַריין.
ווי לאַנג איז דאָס דען, —
ווינציקער צייט ווי אויסגיין שמונה־עשרה.
ווינציקער, ווי איין מאָל דעם אָטעם צו כאַפּן ;

* * *

— מיין טאטע דאָ אין ניויאָרק,
אַ גרויער און אַן אַלטער שטאָלצער ייִד,
גייט ער דאָ אין דער חברה זיך איינקויפן —
פאַר איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר . . .
רעדט ער וועגן דעם אַזוי פּשוט, ערלעך,
ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געזאָגט אין שטוב :
„כהאָב געלאָזט רופן דאָריע דעם מוליער.
איציק שניידער גייט האָבן אַ מעבלשטוב . . .״

קלמן וויל אָפּצוקערן זיין טעפּל קאַווע

וואָלט איך אָפּגעצוקערט און געשלונגען
היינט, מיין היים טעפּל קאַווע —
מיט דער זיסקייט פון דיין שמייכל ;
און מיין שפּיציק בלאַסער שטערן,
וואָלט זיך געקילט אין דער באַטעמטקייט
פון דיין אומבאַהאָלפענעם, קינדערשן שכל.
האָב איך געזען נעכטן דיך לאַכן,
האָט דער אָטעם מיך פאַרצויגן ;
געקוקט האָבן אויף דיר שטומע, גרויסע אויגן . . .
אין דער אָרומיקייט פון היימישע מענטשן
האָב איך געוואָלט דיך בענטשן.
האָב איך געוואָלט דיר זאָגן ;
סזאָל דער ווינט דיינע זיסקייטן
אויף פרעמדע פעלדער נישט פאַרזייען,
אויף פרעמדע פעלדער נישט פאַרטראָגן.

* * *

ווי אינם טאָג פון מיינע דרייצן יאָר,
ווען מיט מורא און מיט ציטער —
כהאָב אַריבער געטרעטן די שוועל
פון דעם הייליקן בית־מדרש שטיבל.
און די רצועות און די דרייצן יאָר —

ארומגעבונדן אַף מיין לינקער האַנט ;
האָב איך דעם שם געוויקלט, געפלעכט,
געמורמלט גוט און פרום און שטום ;
מיטן פנים צו דעם ארון־קודש געווענדט.
ווי יענע רצועות און די דרייצן יאָר —
ארומגעבונדענע אַף מיין האַריקער האַנט, —
וויקל איך און פלעכט אַ מיידלשן נאָמען.
און מורמל גוט און פרום און שטום —
מיטן פנים צו איר פערטן שטאָק געווענדט.

* * *

איך בין דער דאָרן וואָס ברענט און ברענט
און ווערט טאָקע פאַרברענט —
אַף ווייסן אַש פון אַ בלייכע געשטאַלט.
ווייסט מיין בלוט פון אַ יוגנט אַזאַ,
וואָס סע בענקן די אויגן נאָך די
פאַרביי־געגאַנגענע ריטמישע טריט
פון אַ מיידלש געטאָקטן דינעם פוס.
— אַ זיידערנער זאָק, רויטע אָנגעפאַרבטע באַקן.
הייסט דאָס אַזוי : —
אַזאַ בלוט וואָס איז אַלט צוואַנציק בענקענדיקע יאָר,
וואַרפט זיך אַף אַן אַפּרו־ווינקל, —
די אַדערן אָנגעשוואָלן פון פוס ביזן קאָפּ־אויג.
קוקן, קוקן ערגעץ,
אין אַ העל־אָנגעצונדענער נאַכט אַריין ;
אַף דעם פּיאַלעטן שיין —
פון אַזויפיל שפּיגלדיקע שויבן־פענסטער,
מיט געשטרייפטע פאַרהענגלעך פאַרהאַנגען —
מיט קנאה, —
פון ליידענשאַפטליכע צוואַנציק יאָריקע,
בלוטן־בענקשאַפט . . .

* * *

נעם, גיי שריי אויס —
אין אַזאַ שטאָט וואָס איז אַזוי שרעקליך גרויס :

— איך האָב ליב! —
אַז ס'איז דאָך נישטאָ קיין איינער,
וואָס זאָל האָבן דעם כּוח,
דיין קול צו דערהערן, דאָ אין שטאָט...
נעם, גיי באַהאַלט זיך בחדרי־חדרים
און שטעך אין האַרץ אַריין, דיר אַ מעסער,
— און מורמלען שטיל זאָל דאָס שיטערע בלוט,
רינענדיק פון דיין וואונד.
איז דען דאָ עמיצער, וואָס זאָל קאָנען
אַזאַ שטילען שאָרך פון אַ רינוועלע בלוט —
דיין הויכן ווייטיק דערהערן —
דאָ אין ניו־יאָרק?

* * *

מיינע אַרויסגעשפּרונגענע אויגן
וואַלגערן זיך אין שטויב אויף דיין שוועל,
און סגלאָנצן שטאַרע ווייסלען, צוויי,
באַטאָג, באַנאַכט,
נאָך דיין אָפּגעשפּיגלטן בליק אויף זיי;
דו, געשמינקט און געפּודערט מיידל, —
און דו קומסט נישט, נאָר דו קומסט נישט.
זיצט די געשטאַלט פון אַ דאַרן גוף, —
קלמן, בלייך און איינגעהויקערט,
איבער אַ לידערבוך איבערגעבויגן,
טאַפּ איך דעם אלף־בית מיט די פינגער
און זע אים נישט — און זע דיך נישט;
דיינע דינע, רויט באַפאַרבטע ליפּן.
נאָר איך פיל, —
ווי יעדער בלינדער מיט זיינע הענט
די דיקע, אויסגעשטאָכענע אותיות:
— זי קומט נישט... זי קומט נישט...

שרייבט מיין געליבטע מיר אַ בריוול:
— אַ האַרצעלע אַ קליינס,
קלענער ווי די גרויס פון אַ שטיוול,

קאָן צעטרעטן אין שפּאַן גאַלאָפּ —
אפילו אַ וואָגן מיט נאַשפּיצדיקע פערד ;
און זיי אויסלייגן אויף דער ערד,
און מאַכן בערגלעך קברים — בארג און בארג —
אזוי אין מאַסע מיטן מאַרק ;
נישט טראַכטן און נישט זיין אפילו קאַרג —
צו־לעצט אַ קאָפּ צו טאָן אזוי הויך —
דער צעטראָטענער זאָל אויפגיין אין לופט ווי אַ רויך.

שרייבט מיין געליבטע, אזוי זיך ווײנענדיק
און טונקט אין טרערן דאָס בריוול :
אַ הארצעלע, אַ קליינס,
איז געגליכן צו אַ שטיוול...

* * *

מיין ליבע צו דיר האָב איך פאַרביטן צו טאַטע־מאַמע.
סזענען געוואָרן מיר היימיש די שטוב מיט די ווענט.
דאָס ליבע ציטערן איבער מיר, מיין מאַמעס ווייסע הענט.
און מיין טאַטנס ארומגיין מילד אין שטוב, —
מיט אַ ליבע־סוד אין זיך באַהאַלטן ;
אזוי גייט אום נאָר אַ שטילע טויב,
אזוי זעען אוים נאָר מלאָכישע געשטאַלטן.
דיין ליבע איז געווען אַ ציינערדיקער בים.
דו האָסט די ליפּן מיינע איינגעקארבט,
דיינע אייגלעך האָבן אַ גנבהדיקען ריס
ערגעץ געטאָן אין מיין מארך און מוח.
נאָר דאָס געשענקטע, אָרימע ביסל כוח —
דעם ריס אריבערצוטראָגן און אויסצוהאַלטן,
האָבן מיר געשענקט — מיינע טאַטע־מאַמע ;
די צוויי גוטע, מלאָכישע געשטאַלטן . . .

בעני הולטאַיניקס געבעט:

איך וויל די נאַכט זאָל נישט פאַרגיין,
נאָר בלייבן ווי געוועזן ;
ווי דער טאָג —
מיט דער זון אין מיטן הימל, —

ווען איך האָב זי אַרומגענומען
אין מיין דרימל . . .
איך וויל די נאַכט זאָל נישט פאַרגיין,
נאָר בלייבן ווי געווען ;
אַנגעצונדן —
ווען די ליבשאַפט האָט געבונדן, —
צוויי הערצער מיט אַ שטריק,
— פון גליק . . .
איך וויל די נאַכט זאָל נישט פאַרגיין,
נאָר בלייבן ווי געווען ;
לויטער שטערן —
ווייל איך קאָן אייך שווערן,
אַז די נאַכט איז געווען הייליק —
און לויטער באַגערן . . .

העלמוט הירש

פון אַ צייטונג האָט געלאַכט צו מיר
זיין מויל ציין — ווייסע קאַרבן ;
אַזוי אָט אַ, שמייכלען העלדן,
די רגע, ווען זיי גייען שטאַרבן.
אַ סעמיטיש פּנים, מיט וואַנזיניקע,
פעך־שוואַרציקע, צוויי אויגן ;
— זענען פאַרגליווערטער שטאָל,
וואָס דער האַמער קאָן נישט בויגן . . .
איינער גיט אַוועק אינגאַנצן־זיך —
כדי אַנדערע זאָלן קאָנען לעבן ;
דאָס איז אַ פולע האַנט צדקה, —
דאָס הייסט — זיך אַוועק־געגעבן . . .
העלמוט הירש, הערשל גרינשפּאַן —
און אומעטום, ווי זיי הייסן ;
זיי וועט דאָס פאָלק געדענקען,
מיט זיי וועט פאָלק זיך גרויסן . . .

אַלטער און ערליך

וואָס האָט אַלטער און ערליך געטראַכט —
ווען מ'איז זיי געקומען זאָגן,
אַז מוועט זיי שיסן נאָך היינט נאַכט,
— איידער סוועט אָנהויבן צו טאָגן.
אפשר האָט ערליך און אַלטער גערעדט:
„סוועטאָך עמיצער געוואָר ווערן,
אַז צוויי לעבנס האָטן אויסגעלאָשן,
אָף פרי, ווען סלעשן זיך די שטערן".
און אין אַמעריקע, דאָרט ווייט אַוועק,
וועט אַ פּראָלעטאַר אויסשרייען אָן שרעק —
דעם וויי, וואָס אונזער צונג וויל קלאָגן;
איצטער, איידער סהויבט אָן צו טאָגן...
אוודאי האָבןביידע פאַרביסן די ליפּן
און געקוקט דער טויט אין די אויגן;
נאָר דער מערדער מיטן „סערפּ און האַמער"
איז געקומען אַ ציטריקער, געבויגן.

דער פּחדן־מערדער ווייסט שוין היינט:
פאַרגאָסן בלוט הערט נישט אויף צו זידן.
דעם תליון וועט אייביק שמייסן די רוט, —
וועט נישט געבן אים קיין רו, קיין פרידן...

הערשל הגבור (הערשל גרינשפּאַן)

אַ יינגל איז אונזער גיבור —
בלייך און אַ קלאַפּעדיק האַרץ.
איז דאָס לעבן אים ביטער;
די וועלט — איין שטיק שוואַרץ.
טאַטע־מאַמע האָט דאָס יינגל,
וואָגלען זיי אין דער פרעמד;
באַליידיגט און דערשלאָגן, —

אין איין קלייד, איין העמד.
דאָס העמד איז שוין קויטיק,
דאָס קלייד געוואָרן צעריסן;
דאָס לייב צעקיילט, צעביילט —
צום טויט שוין פאַרשמיסן . . .
הערשל איז יונג אין יאָרן,
אָבער איז נישט קיין נאַר;
סאיז דאָך עמיצער שולדיק
אין זיין טאַטע־מאַמעס צער . . .
האָט דער גיבור פון ישראל
גענומען העלדיש נקמה;
דורך בליי און דורך שטאָל —
דאָס איז אונזער נחמה . . .
: : :
אין קייטן — אונטער גראַטעס
זיצט דער גיבור פון ישראל;
ראיז געזונטער פון אייזן.
ער איז שטאַרקער פון שטאָל.

משה לייב האַלפערן

משה לייב, משה לייב.
צוויי מאָל רוף איך דיין נאָמען;
אפשר וועסטו זיך באַווייזן?
אפשר וועסטו פון ערגעץ קומען?
און אויב דו ביזט געשטאָרבן,
ווער אנדערש אויף דיין אָרט
וועט קומען צוגיין און זאָגן
אונז א משה־לייביש וואָרט?
די לבנה שווימט אין הימל —
זי גייט גאָט ברוך־הוא צו לויבן.
זי בעט, זי פרעגט: — וואו
האָסטו אהינגטאָן משה לייבן?

שײַנט טרויריק אַראָפּ די זון
אויף אַן עלנט און לײדיק הויז: —
איך גײ, איך זוך אַ פּאָעט,
װי משה לײב די גרויס.
אין גאַס, דײַן ײנגל, דײַן יתום
פֿרעגט בײַ אַ יעדן גײער:
װער האָט געזען אַ טאַטן,
האָט נישט עמיצער־װער
חזר איך — משה לײב. משה לײב.
צװײ מאָל דײַן נאָמען.
אפֿשר װעסטו זיך באַװײַזן
אפֿשר װעסטו פֿון ערגעץ קומען?

:: :: ::

פֿינף יאָר זינט משה לײב איז אַװעק,
דערמאָנט שוין נישט קײנער זײַן נאָמען.
ער איז דאָך אויף עפּעס אַ שיפֿל אַרויף,
װאָס איז פֿון דעם ברעג זיך אָפּגעשװומען.
אַ שיפֿל װאָס שװימט און װאַנדערט אַרום
און האָט נישט קײן הײם און קײן אָרט.
אַ שיף װאָס פֿירט אירע שיפֿער אַרום, —
אַנקערט קײנמאָל ניט קײן אײנציקן פּאָרט.
אפֿשר, װײַל מיר ײדן זענען אַ פֿאָלק,
װאָס מע טרײַבט און יאָגט יעדע שעה;
טאָ װער האָט דאָס צײַט צו באַװײנען
די סאַמע טײערסטע, װאָס זענען נישטאָ.
אפֿילו אַ דיכטער, אַזאַ קרוין פֿונעם קאָפּ —
דער װינט רײַסט אױס און טראָגט אַװעק.
װער קאָן נאָכלויפֿן דעם בײזן װינט? —
װען אַרום איז יאָמער, אַרום איז שרעק.
קאָן איך אַ רגע זיך נישט פֿאַרגעסן.
קלינגט משה לײב מיר אין די אויערן;
װײן מײַן האַרץ אַ טרויעריק געװײן
אויף דער קרוין, װאָס מיר האָבן פֿאַרלוירן.

:: :: ::

איך בעט אייך, גוטע מענטשן,
פֿאַרגעסט נישט משה־ליבן.
— געווען אַ גרויסער דיכטער;
איר מעגט מיר הייליק גלייבן...
דאָס איז געווען דער פּרינץ
אין אויסגעפּרעסטע הויזן.
מיט אַ צוויקער אויף דער נאָז —
אין לאַץ — איינגעשטעקטע רויזן.
האָט ער געזונגען לידער,
שורות גאָר אַן אַנטיק!
האָבן זיי אַ ברי געטאָן,
ווי פֿון אַ בייטש דער צוויק.
איך זאָג אייך, ליבע יידן —
משה ליב איז נישט טויט.
הערט זיינע לידער אָטעמען
און בלענדן צאַרנדיק רויט...

מאָריס ראָזענפעלד

מאָריס ראָזענפעלד, דער אַרבעטער־פּאָעט,
איז געזעסן פֿון פֿרי ביז שפּעט
אין גרויע שעפּער, איבער מאַשין געבויגן.
שטעפּט דער מענטש מיט פֿאַרחלומטע אויגן,
מיט אַלעמען גלייך, פֿון מאָרגן ביז נאַכט,
זיצט ער אין שאַפּ, זיצט ער און טראַכט:
איז דאָס די וועלט, איז דאָס דאָס לעבן,
וואָס איז באַשערט, וואָס איז אונז געגעבן?
אַ מענטש אַרבעט און ס'ע רינט דער שוויים,
דער אָטעם איז וואַרעם, דער אָטעם איז היים.
אַ מענטש יאָגט זיך און טרייבט די מאַשין:
ווייסט ער דעם טייטש, ווייסט ער דעם זין?
פֿאַרוואָס איז הפקר, ווי אַ רויז אין פֿעלד, —
דער בלייכער, געבויגענער אַרבעטער־העלד?

* * *

אין די מידע, שלאָפלאָזע ניו־יאָרקער נעכט,
נורט זיך דער דיכטער אָן צום געפעכט.
בויט ער אויס פון ווערטער אַ לידער־טורעם,
וואָס זאָל וועקן די קנעכט, אָנזאָגן שטורעם.
קאַנאָנען־ווערטער, אין שורות צעשטעלט —
רופן, מאָנען אַ בעסערע וועלט.
היינט, אויף אַלע מאָל, ווי מיט יאָרן צוריק,
קלאַפּט אַ דיכטערס וואָרט, ווי דעם זייגערס טיק.
קלאַפּט יעדע רגע, יעדע מינוט, יעדע שעה;
ווייל דער דיכטער לעבט, דער דיכטער איז דאָ.

אברהם רייזען

ווי מאָריס ראָזענפעלד — אָט, דער בייזער,
דער גע‏ניאַלער, דער דונערדיקער פּאָעט;
איז אברהם רייזען אַ צאַרטער וועקער —
אַזאַ ווינטל וואָס טרייסט און וואָס גלעט.
צום זיגזאַגישן וועג, מיט טרעפּ אַרויף,
צום פּאַטאָס, און ברען פון ראָזענפעלד־ליד;
האָט אונז אָפּגעקילט די פיינע שטילקייט,
די אָטעם־גלאַטקייט פון רייזענס געמיט.
רייזען ברענגט געזאַנג אין ענגע שטיבער
און זייעט טרייסט אין יעדן יידישן הויז;
איז אויף אַלע ליפּן איצט רייזענס נאָמען —
בא יונג און אַלט, בא קליין און גרויס...

דער לעבעדיקער ריז

איך האָב געזען דעם טויט —
אַ לעבעדיקן — אַ ריז.
אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער
צום שטילשווייגן געבראַכט.

שטראַלנדיקע, זעענדיקע אויגן
האָט ער בלינד געמאַכט.
גייענדיקע, קנאַכיקע פיס
זיינען געליימט געוואָרן;
פאַכנדיקע מוסקול־הענט —
אָפּהענגטיק - פאַרלאָרן . . .
און דאָס תפילהדיקע מויל
זאָגט מישט מער זיין לויב,
און די אויערן הערן נישט;
די אויערן זענען טויב . . .

הער איך ווי דער טויט שרייט:
„איך בין מער — ווי ווער סאיז,
דער צום טויט דערשרעקער,
וועלטבאַקאַנטער, גרויסער ריז.
אָף אַ בית עלמין אַ גרינעם —
די גרעזער ציטערן אין שרעק;
פאַרן לעבעדיקן ריז, —
מיטן ריסקאַל אָן אַ ברעג.
ער גראָבט, מעסט און גראָבט
דאָס קבר פאַר זיין קרבן;
פאַר אַ האַר — פאַר אַ דיכטער,
וואָס איז היינט געשטאָרבן.

י. באָוושאָווער — דוד עדעלשטאַט

אין דער געשיכטע איז פאַרשריבן אַ בלאַט
פון י. באָוושאָווער און דוד עדעלשטאַט.
י. באָוושאָווער איז געווען אַ פּאָעט,
און דוד עדעלשטאַט — אַ פייער־קאָמעט;
וואָס בלויז איינמאָל אין הונדערט יאָר,
באַווייזט זיך מיט זיין אמת און וואָר;

מיט זיין פייער־בעזים אין דער נאַכט,
זאָגט ער אָן אָף קאַמף און שלאַכט . . .
אין דער געשיכטע איז פאַרשריבן אַ בלאַט
פון י. באָוושאָווער און דוד עדעלשטאַט.
אַזוי דוד עדעלשטאַט מיט זיין געדאַנק,
אַזוי י. באָוושאָווער מיט זיין געזאַנג —
אָנגעצונדן די וועלט אין אַלע פיר זייטן;
אָנגעצונדן אַ ליכט פאַר אייביקע צייטן;
פאַר די וואָס גייען שטאָלץ צו דער תליה,
אָף ליפּן בראַוו, די אַרבעטער־שבועה . . .
אין דער געשיכטע איז פאַרשריבן אַ בלאַט
פון י. באָוושאָווער און דוד עדעלשטאַט.
דאָס בלאַט איז האַרצבלוט־רויט־געפאַרבט,
מיט נביאישע רייד, טיף איינגעקאַרבט.
שטאַרן ווערטער און דערציילן פאַר ווייטן,
זאָגן בשורות אָן פאַר רעגנבויגן צייטן.
וועקן און טרייסטן, טרייסטן און וועקן,
ביז שלעכטס וועט ענדן, ביז וועט עקן . . .

א י צ י ק מ אַ נ ג ע ר

איציק מאַנגער, טרובאַדורשער זינגער.
זינגסט פון דער לבנה און שטערן,
דער טאַטע רעדט ביים שניידער־טישל:
— איציק, וואָס וועט פון דיר ווערן?
אַמער, וועט פון דיר זיין אַ לייט
און לערן זיך אויס די מלאָכה.
גיי נישט אום און פטר נישט צייט;
מלאָכה־מלוכה, איז מזל און ברכה.
טאַטעניו גוטער, ערלעכער שניידער,
זאָל איך לערנען דאָס שניידער פאַך?
געזעלן זאָלן מיך רופן: — איציקל ריידער;
ווען איך רעדט פון שטערן אָפן־דאַך . . .

איציק, איציקל פאַלגסט נישט דעם טאַטן,
וועסטו בערייען — דערנאָך, שוין שפּעט;
שפּעטערע יאָרן, שפּעטערע צייטן —
סעט פעלן סשטיקל ברויט צו דער זעט.
אמער צו דער אַרבעט גיב זיך אַ נעם.
כוועל דיר נישט ווערן לידער צו קלערן.
קאָנסט חזרן טויזנט מאָל: בעל־שם;
קאָנסט זינגען און אַלע זאָלן הערן....
מיר שניידער האָבן לידער ליב.
אוי, גייט אויס דאָס חיות פאַר אַ וואָרט.
דאָס ליד וועגן דעם פויגל־טריב,
וואָס וואַנדערט, וואָגלט פון אָרט צו אָרט.
דער שניידער אין זיין התלהבות,
מיט דער נאָדל אַ בלאַנק און אַ זינג;
די לידער, נאָך פון זיידעס און באָבעס,
קאָנסטו הערן זינגען דאָ גרינג.

טאַטעניו גוטער, אוי טאַטעניו בייזער,
ווייסט נישט וואָס איך בין דאָ אויסן, —
כוויל ווערן אויף די וועגן אַ שפּרייזער,
כוויל נעכטיקן מיט די שטערן אין דרויסן.
די לידער געדענקסט זיך מיר גוט —
זיי האָבן אין ווערקשטוב געזונגען,
דעם ניגון פון פאַרגאָסענעם בלוט;
די שניידער־מיידן און געזעלן־יונגען.
טו איך איצט אַלע לידער וועבן
אויף אַ גיטאַר צו דער לבנה.
וויל איך לידער דעם הימל געבן —
פון שניידער־געזעלן — אַ מתנה.

צו איציק מאַנגער

דו שרייבסט פון שטערן און פון ווינט.
ליבער מאַנגער, סאיז פון דיר אַ זינד,

אז ווען לייבל בעקער דעם געזעל,
וואָס האָט געזונגען איבער דיין שוועל —
האָסטו נישט געשריבן קיין באַלאַדע;
ער האָט זיך פאַרדינט, אוודאי און אוודאי . . .
דו שרייבסט פון שטערן און פון ווינט.
ליבער מאַנגער, סאיז פון דיר אַ זינד,
אז ווען דיין טאַטנס פליצע־אַנגעבויגן,
ווי די נאָדל טונקלט אין זיינע אויגן —
האָסטו נישט געשריבן קיין באַלאַדע;
ער האָט זיך פאַרדינט, אוודאי און אוודאי . . .
דו שרייבסט פון שטערן און פון ווינט.
ליבער מאַנגער, סאיז פון דיר אַ זינד,
אז ווי מהאָט געוואוינט אָפן לויט —
אין דער אָרעמער שטוב דיין פעניץ ברויט —
האָסט נישט געשריבן קיין באַלאַדע;
דו האָסט דיר פאַרדינט, אוודאי און אוודאי . . .

משה נאַדירס היים־שטאָט — נאַראַיעוו — רעדט זיך אַראָפּ פונעם האַרצן

אַן ענטפער משה נאַדירן אויף זיין ליד
„אַ גוטן טאָג נאַראַיעוו“, אָקטאָבער, 1937.

דער ווינטער איז אוועק,
סהאָט אויך אויפגעהערט דער רעגן.
און אָף מיין בלאָטיקן געסל,
טרעפט — ווער איך באַגעגן?
סאיז דער משה נאַדיר, יצחקל רייז, —
הער נאָר הער, גיי ווייס? —
אז צו זיינע היימען, מאָסקווע און ניויאָרק,
וואָס ער פלעגט איינהאַנדלען און איינקויפן;
האָט ער איבערגעלאָזט, מיך, נאַראַיעוו,
פאַר אַן עיר־מקלט — צו אַנטלויפן . . .

* * *

איך האָב געוואוסט, אז וועסט נאָך קומען,

דערפאַר זענען אָפן פאַר דיר אַלע וועגן.
אַ היים פאַלט נישט אַפּ ווי אין האַרבסט אַ בלעטל.
אַ היים פאַרגעסט מען נישט ווי אַ שירם נאָך אַ רעגן.
האָסט זיך אין שטעט און לענדער אויסגעבאָדן.
מיט דער פּען אין האַנט און די ביקס געלאָדן.
ביסטו מיד געוואָרן פון דער צייטס־פאַרגאַס
און שיכור זענען דיינע פיס פון בלוטיקן כוס.
ביסטו געקומען קיין נאַראַיעוו צום לעצטן מאָל?
קום, מיין וואַנדרער, נעם דיר באַרג, נעם דיר טאָל!

* * *

דעם לאַמטערן פאַרן קלויז,
די שטיינבאַנק ביים פאַרלאָג:
„מיין יוגנט גיט אַ שלאָג״ —
זאָגסטו? זאָג־זשע . . . זאָג:
„די אַלטע, הויכע, אויסגעפוצטע צייט,
האָט זיך אָפּגעריסן אָף אַ קייזער־פערד —
מיט אַ טשאַקע אָפן קאָפּ, ביי דער זייט אַ שווערד, —
און איך בין קליין, אַליין — דאָ אָף דער גרויסער ערד.
און מיינע פיס און הענט פון וואַנדערן איינגעמידטע,
בענקען נאָך דעם שטילן רויך פון קוימענעס געליבטע.״
דערפאַר ווען אין דער פרעמד, אין ווייטע לענדער;
האָסטאָך קיין מאָל נישט פון מיר אין אמתן געשיידט.
דערפאַר מיין ליבער, מיין משה נאַדיר — יצחקל רייז,
איז דיין צוריקקומען צו מיר, איצטער אזא גרויסע פרייד.

ישראל אָקסנפעלד

דורך אותיות — אין אַ ביכל
געריגנגלט אינמיטן פיר וועגנט,
האָב איך — ישראל אָקסנפעלד
אין אייגן קול דערקענט.
געוועזן דורות פריער —
משכילים טינטלען זשאַרגאָן;
און אָקסנפעלד, דווקא יידיש,
— גיט אָפּ דעם אויבן־אָן.

מאַרק־רייד — יידיש לשון,
זייער בויג און קנייטש;
אַ ליב דיר, אָקסנפעלד —
דיכטער פון יידיש־טייטש.
מיין יחום — אָקסנפעלד!
שרייב איך פשוט, פּראָסט.
ציען ווערטער — רינוועס,
פון טייך וואָס האָט געלאָזט.

מאיר דער קאַפע־זיצער

אין דעם קאַפע אױף דער צװײטער עװניע,
קאָן מען מאירן שױן זײער לאַנג ;
זינט ער איז געקומען זיך זעצן —
מיטן פרישן פּנים און יונגן האַרץ,
מיט שעמעװדיקער מוראָ צום רונדן טישל.
װי אַלע גרינע איז מאיר אַהער געקומען.
יענע זענען אַװעק אין שאַפּ אַרײַן אַרבעטן.
יענע ציען איבערן לאַנד און פּעדלען —
אונזער מאיר איז צו דער צװײטער עװניע,
צום קינסטלער־קאַפע־ראָיאַל אַװעקגעגאַנגען.
װי די רונדע טישן מיט ייִדישע שרײַבער אַרום.
װי די טישן אַרום מיט ייִדישע אַקטיאָרן ;
איז מאיר געװאָרן אַרומגענומען מיט אַ רײַף —
פון יעדן װאָרט, קלאַנג, ניגון און בײַג —
און ציטער — און זיס און ביטער, ייִדיש לשון.

* * *

פינאונצװאַנציק יאָר, זײַן קבצניש־לעבן,
האָט מאיר אויסגעצאָלט דעם ייִדישן מענטש ;
האָט מאיר געצאָלט דער ייִדישער ליטעראַטור —
האָט מאיר אַװעקגעגעבן די ייִדישע שרײַבער —
פאַר נײַ־פּראָזאַ, פאַר אַ פריש ייִדיש לידער־בוך.
אָוטאָגראַפירן שרײַבער מאירן זײערע ביכער.
פאַרבעטן אַקטיאָרן מאירן אין טעאַטער.
בײַם טישל מאיר, מיט אַן אָפן מויל און זאָגט :
„סלױנט זיך צו שפּענדן אַ פערטל־יאָרהונדערט,
פאַר אַן אומזיסטיקן בילעט אין טעאַטער אַרײַן . . .״

* * *

אױף דער צװײטער עװניע, אין קאַפע,
קאָן מען מאירן שױן זײער לאַנג ;
זינט ער איז געקומען זיך זעצן —
מיטן פרישן פּנים און יונגן האַרץ,
שעמעװדיק צו אונזער באַנק.

ווי א סך פון אונז איז ער געקומען —
מיטן חלום צו ווערן דיכטער־ריכטער;
פינף־און־צוואנציק יאָר אַפּגעשווימען, —
דאָס הארץ ווארעם, די הענט ריין;
נאָר קיין „זייל" נישט געוואָרן אליין.
רונדע טישן מיט יידישע שרייבער.
טישן ארומגעזעצט מיט אקטיאָרן.
ווי פון א רייף איז מאיר געוואָרן
ארומגענומען פון וואָרט און קלאנג —
פון אונזער ביטער, זיס געזאנג...
אָטאָגראפירן שרייבער מאירן ביכער.
אקטאָירן לאדן אים אין טעאטער.
שלינגט מאיר א פערטל יאָרהונדערט —
יענעמס לידער, יענעמס פּראָזא —
און קאָן קיינמאָל נישט ווערן זאטער...

* * *

די טירן פון קאפע אָף תמיד שוין פארשלאָסן.
און כדי פון דעם אומעט צו אנטרינען;
האָט מאיר זיך געוואָרפן אונטער די רעדער
פון דער „סאָבווייי" זיין רו צו געפינען...

זכריה זאַקאַר דער מעצענאַט

זכריה ברענגט צו זיך אין שטוב אריין,
שטעלט אוים ביי זיך אין שראנק אריין —
(בידנע ביכער) בייכיקע און מאָגערע;
יידישע ביכער נעבעך...
לייענט ער נאָכאמאָל און נאָכאמאָל —
א בלעטל צו א בלעטל,
און גרויסט זיך מיטן עטיקעטל,
— דיכטער גיבן אים: —
זכריה זאַקארן,
דעם יידישן לייענער,
— ליבהאָבער;

איינאונאיינציק איבערגעבליבענעם
—— א מתנה ——.
* * *

די וואָלקן לאָזן זיך אראָפּ צו די דעכער,
און זכריהס אקסל גייען נאָענט אראָפּ צו
די טעוועלעך פון ניי־יידיש געבוירן לידערבוך.
הייבן זיינע אויסגעשטרעקטע מאַזאַליעטע הענט
די פרייד פון א קינד, א ניי־געבוירנס.
שמייכלען די אויגן שיכורדיק אָנגעטרונקען
פון דער קוואטערשאַפט וואָס איז צוגעטיילט:
זכריה זאַקאַרן,
דעם יידישן לייענער,
— ליבהאָבער;
איינאונאיינציק איבערגעבליבענעם
—— א מתנה ——.

איכה ישבה „עוניע"

ווײנט מיט מיר, מיינע פריינט,
אַף דער עוניעס גרויס געוויין;
וואָס זי איז נעבעך געבליבן
א פאַרלאָזטע און פאַרשעמטע שטיין.
* * *

משה־ליב דער ריטער איז נישטאָ,
אזא נאַר, גייט ער און שטאַרבט.
שוין יאָרן, ווי מזעט אים נישט;
ליגט דער טויט אַף דער עוניע געקאַרבט.
אברהם משה דילאָן, דער גרעסטער פּאָעט;
רהאָט נעבעך געמיינט, אז ראיז געווען.
נו, וואָסזשע איז דאָ פאַר א שמועס?
אז אַלץ איז — שוין — דאָס וואָס געווען.
י. גרינשפּאַן, א יונגער, א דיכטער.
זיין געביין איז אַנטרינען געוואָרן.
האָט ער אויסגעצאַנקט ווי א ליכטל,

פאַר דער עווניע פאַרשניטן זיינע יאָרן.
אבא שטאָלצענבערג, ווי א הענדל
וואָס איז נאַר־וואָס ארוים פון איי;
נישט קיין צייט געהאַט א קריי צו טאָן,
און ווי, ער איז שוין אויך פאַרביי.
אַז מען איז געקומען דער עווניע זאָגן:
יאָסל קאָטלער איז דערהרגעט געוואָרן,
האָט יאָסל אַליין אין געלעכטער געענטפערט —
סאַראַ ליגנט, די הויך זיבן־גאָרן.
זישע לאַנדוי מיט א כאַפּטע לידער,
האַפּטיקע פאַרב פון זייפנבלאָזן;
האָט אַזוי זיך זינגענדיק
אונזער עווניע פאַרלאָזן.
צי האָט עמיצער דען געזען חיים קרול?
דעם וואונדערלעכן תהלים־זינגער.
ליגט ער זיך רואיק אין זיין קבר, —
קומט נישט העלפן דער עווניע, ווערן גרינגער.
משה נאַדיר, דער פידל־פלירט,
אונזער יידיש־שפּראַך באַשיינער.
זעט אים ניט אָפּ די אויגן די עווניע,
איז ער איר געוואָרן, א פרעמדער־איינער.
* * *
אוי, עווניע, ווי ביסטו געבליבן,
א קראַפּיווע באַוואַקסענע ערד.
קומט נישט אהער יעקב גלאַטשטיין
מיט זיין קלוג בלאַנקער שווערד.
י. י. שוואַרץ קומט אמאָל צו גיין
און שווימט גיך זיך אַוועק זיין וועג.
וואָס טוסטו עווניו, האָט ער געפרעגט,
דערנאָך זעט מען אים נישט פאַר טעג.
מאַני לייב מיט די געאיידלטע פינגער,
האָט די עווניע קיינמאָל נישט געקענט,
מאַני לייב ווייסט אפילו נישט איצטער,
אַז עווניע שטרעקט צו אים אירע הענט.
לייוויק ליגט לונגענקראַנק אין שפּיטאָל,

צו דער עווניע פֿלעג ער גערן קומען.
הערן שפּיטאָל־ווענט איצט זיינע לידער
און די עווניע האָט געטאָן פאַרשטומען.
י. ראָלניק, מיט זיין שטילן שטעקן,
פֿלעגט דער עווניעס שטיינער ציילן.
שוין וויפֿיל יאָרן אַזוי אַוועק,
ראָלניק ווייכט די עווניע פאַר מיילן.
די איינציקע טרייסט, אברהם רייזען —
דער פּאַטריאַרך, דעם פֿאָלקס־פּאָעט;
קומט ער צו דער עווניע נאָר אַמאָל,
אין דער נאַכט, ווען פינצטער־שפּעט.
קלמן הייזלער גיי איך צו דער עווניע,
זוך איך דורך אונטערגאַסן — וועגן.
וואו איך זאָל זיך נישט קערן, און —
קומט העניך אַקערמאַן מיר אַנטקעגן.
איך פֿאַרמאַך מײַנע אויגן,
איך פֿאַרברעך די הענט.
דערזע איך גרויס פייער
האָט די עווניע פֿאַרברענט . . .

* * *

געוועזענע גלייכע ווענט.
איצט פֿאַרקוילט פון בראַנד.
שטייען געבויגן און גלאָצן
און זענען שטום ווי אַ וואַנט.
אַ שאָטן האָט דאָרטן פֿאַרבלאָנדזשעט,
ער קלעטערט אַרום אויף די ווענט;
אין די שפּאַרעס און שפּאַלטן —
גלעט ער, זוכט מיט די הענט.
אַ ווילד פייפנדיק ווינטל
טענהט צו דער פוסטקייט אַרום.
שטאַרט אַ פֿאַרבליבענער קוימען —
פּונקט ווי דער שאָטן דאָ שטום.

* * *

קומט צעלויפן אַזאַ פייער־לעשער,

לוצקי, דער פּליטזינגער־טרובאַדור,
שפּילט ער צו די לעצטע גליאַוונעס, —
מיט זיין פּליט — דער פּאָעט אין צער.
נפתלי גראָס איז דאָ אָנגעקומען
און דערזען די עווניע געשאָכטן;
עווניע, דו איינזאַמלונג פון דיכטער,
האָט ער די געבויגענע הענט געפלאָכטן.
לוי גאָלדבערג איז פאַרבייגעגאַן,
האָט דער מענטש באַדויערט אָן א שיעור;
ווען איך זאָל געווען נאָר וויסן,
קום איך אהער אביסעלע פריער.
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אויף א טעלער —
ברענגט צעטראָגן ברויט מיט זאַלץ,
און אין פּשוטע יידישע ווערטער —
וויל ער מכפּר זיין אויף אַלץ.
א. טאַבאַטשניק האָט אָנגעקינדיגט:
אז דאָס פייער וויל פאַרצערן;
ער וויל העלפן דער עווניע —
און אים פאַרברענען שטערן.
נחום באָמזע, דער שטילער,
וויל נישט די גלעקער צעוויגן;
עווניע זאָל ביינאַכט נישט וועקן
די קליינע קינדער אין די וויגן.
מענקע קאַץ ליגנערט מיט היץ:
פאַר דער עווניע גיב איך מיין לעבן.
וואָלט מען נאָר געקענט זי ראַטעווען?
נאָך א לעבן וואָלט איך איר געגעבן.
געקומען ראַוויטש מיט נאַקעטע לידער,
געקליידט אין ווערטער־געשטאַלטן.
די האַנט ביים האַרץ און ער שווערט:
עווניע, דו עווניע מוזט זיך האַלטן . . .
האָט דער רויט־האָריקער אורי־צבי,
שוין לאַנג פאַרלוירן — פאַרנאַכטן־גאָלד.
איז ער צו דער עווניע צוגעקומען,

דאָס פאַרנאַכטן־גאָלד געפינען געוואָלט.
אין אַ גויעשער פּאַטשיילע, אויף אַ וואָגן,
איז רחל קאָרן צו דער עווניע אָנגעפאָרן,
און אויסגעטרובעט אַזאַ נאָנעוואָלד,
פון אָן אָקסענעם, ביינערנעם האָרן.
איציק פעפער, דער רייטער אויפן פערדל,
אויפן פלייצע אַ ביקסל אָנגעהאָנגען.
איז ער אין דער עווניע אריינגעריטן,
און גאַלאָפּירט זעלנערדיקע געזאַנגען.
באָבעס אוצר, — מרים אולאַינאָווער,
איז געקומען זיך דאָ געזעגענען —
מיט דעם סידור, מיט דער עווניע —
נאָכאַמאָל אין לעבן זיך באַגעגענען.
איציק מאַנגער, דער שניידער־יונג,
אין די הענט — אַ טוץ לבנות.
שפּילט ער און זינגט דאָ אויס
אַ באַלאַד נאָך די עווניע קרבנות.
י. י. סיגאַל זשאַלעוועט נישט —
גאָלדענע ווערטער, איבער דער מאָס;
סזאָל נישט אומפאַלן חלילה די עווניע,
פון דעם מינדסטן ווינטל־בלאָז.
חיים גראַדען גייט נישט אָן
דעם חורבן אויף דער עווניע — דאָ;
אַבי ער אַליין איז פאַרליבט
אין אייגן שטערן־שיין לפּי־שעה.
משה קולבאַק האָט מיט ווייץ און קאָרן
דאָ אויפגעשטעלט זיין געצעלט:
עווניע, חלילה, גייסטו אונטער?
גייט אונטער, מיט דיר, אונזער וועלט.
אַ. לעיעלעס האָט זיך דאָ צעזינגען
אַ האָפערדיקער, זיין „פּאַביום לינד״
ווען סהאָט זיך שוין אַלץ געגראַמט —
מיט דער עווניעס — ווייַ און ווינט.
זעליק דאָרפסמאַן באַשטייט, אַז נאָט,

וואָס האָט פון גאָרנישט אַ וועלט געמאַכט;
— וועט נישט פאַרלענדן די עווניע,
וואָס האָט געליכטיקט אין דער נאַכט.
מאיר טעגאַל טרייסט: אַז נאָכן מבול
איז דאָך אַ וועלט אַזאַ פאַרבליבן;
אפילו סזאָל חרוב ווערן די עווניע, —
וועלן בלייבן די טעג, די אייביקע זיבן...
ש. ניגער, דער שטראָפער, איז דאָ.
ער רעדט מיט העזה און געוויין:
ווײ־געשריגן, — חלילה, —
נישט צו בלייבן אײנער אַליין?
* * *
איצט בליפּעט מיט, איר פריינט —
דער עווניעס גרויס געוויין;
וואָס זי איז נעבעך געבליבן
אַ חרובע, אַן אָרעמע, — אַליין...

יידעלע ייטלס וואונדער־קאָפּ

קומט יידעלע ייטלס וואונדער־קאָפּ
מיט אַ פידל ווי פון הימל אַראָפּ.
טויזענטער זענען דאָ איינגעזאַמלט
און פון דעם וואונדער, ווי פאַרטאַמלט.
פון די העלזער, דאָ, אין דעם גרויסן אָרט,
רייסט זיך אַ לויב, אַזוי וואָרט פאַר וואָרט:
— ה—ו—ר—אַ, ה—ו—ר—אַ.
ב—ר—אַ—וו—אָ. ב—ר—אַ—וו—אָ.

וואָלט מיין באָבע ריבטשע נאָר געלעבט, —
וואָלט זי אַ גלאָז וואַסער אָנגעשעפּט;
אָפּגעשפּראָכן מיט ברעקלעך און קוילן —
דאָס יינגל פון אַ גוט־אויג צו פאַרהוילן...

קלמן הייזלער גרויסט זיך מיט זיין אַרבעטן אין שאָפּ

אין דער פרי,
וועקן מיך מיינע פיס.
וועקן מיינע פיס
מיין פארשלאָפענעם קאָפּ —
סעי, — צו דער ארבעט!
און מיין קאָפּ פאָלגט,
פאָלגט מיינע פיס,
און גייט מיט זיי מיט
און פאָרט מיט זיי מיט —
צו דער ארבעט, צו דער אַרבעט.

* * *

אין דער פרי,
הו—הא.
א געלויפעריי.
סוועבט זיך א געשריי
אין דער לופט.
דער הימל קינדיש,
ווי ערשט ניי־געבוירן
סעפענען זיך
פון אַלע זייטן טויערן.
מענטשן מיט האלב פארמאכטע אויגן
שפּאַנען, יאָגן,
ווי פון בויגן א פייל געפלויגן, —
איינער אהין, איינער אהער.
אָטאָמאָבילן, באַנען, טראַמווייען,
וועגן געשלעפּט פון פערד,
הויבן מיט כעס —
דעם שטויב פון דער ערד.

און איך מיט זיי —
אין לויף, אין געוועט;
ערגעץ העט ווייט —
צו דער ארבעט . . .

איך פרעג,
צי די מאַשינען, צוגעדעקטע
וואַרטן —
און די שאַפעס דאָ אין שאָפ
אויף מיר,
כדי ווי מיט א מת צו טאָן זיין רעכטס?
אז איך זאָל קומען
און מיט מיינע נערוועזע, אומרואיקע הענט,
אָפּווישן דעם שטויב,
אַראָפּנעמען דעם צודעק,
אויסשמירן מיט בוים־אייל.
באַלעקן, באַשמעקן,
ווי אַן אייגענע מאַמע.
איינבייגן קאָפּ,
און וואַרפן מיינע הענט, —
אַזוי, מיין לאַנגן לעבן שוין,
אַזוי אַט,
אַ יעדן אינדערפרי...
און איך, —
וואָס בין איך דען?
נישט מער ווי איינער מיט אַ ווילן
און מיט אַ בענקשאַפט
נאָך אַ וועלט פון צעשטרייאונג, —
ניי איך...
איז וואויל צו מיר, וואָס בגעפין
מאַשינען וואַרטענדיקע,
פאַר מיין אומרואיקע נערוועזער
אַרבעטער האַנט.

* * *

אַ קאַטאַרינקע —
די מאַשינען שפּילן,
און סהוליען פינגער, דאַרע פינגער
און סיאָגט דער אָטעם —
שווערער, גרינגער,

אױף דעם װײַסן זײַדענצײַג.
דרײט דער פּאָדעמשפּאָל,
— דרײט אַזאַ פּאָדעמשפּול
זיך אַ רונדיק טענצל — טענצל.
ציט זיך, צ י ט ז י ך,
טאַנצט דער נאָדלשפּיץ —
ריטמיש — שטיל.
הײבט דער נאָדעלשטאַנג זיך,
העכער, העכער!
אַ קאַטערינקע —
די מאַשינען שפּילן.

* * *

באַנאַכט איז זי
אַ רואיקע, אַ שטילע,
אַ פאַרשלאָפענע.
אינדערפרי
קיצלען מײַנע פיס דעם טרעטער;
װערט זי װילד, —
װערט זי װילד, —
װײַנט, קרעכצט די מאַשין...
איך — אַ דערשראָקענער,
ציטערן מײַנע הענט
װי אין אַ קראַמף.
װאַרף איך אונטער
שטיקער זײַדענצײַג.
װערט דאָס געשטאָכן
פון דער שפּיציקער נאָדל.
— װערט דאָס צעהאַקט
פון די שאַרפע צײן, —
פון דעם שיבער־שלעפּער,
און סרײסט הונגעריק
אין יענער זײַט אַרײַן,
דאָס זײַדענצײַג אַװעק פון מיר.

וועקט אַ נאָדדל אויף די שטליקייט
און איך האָב דערהערט;
ווי סע שפּאַנט איר דינער טריט —
מיידלש, געמאָסטן און פאַרקלערט.
אַז ווי זי גיט אַ שטעל אַ פוס, —
גיט אַ בלענדט די אויגן;
מישן, דרייען זיך קאַראַסול —
די פאַרבן פון אַ רעגנבויגן.
זע איך, — קאָקעטישע פיס,
מיידלש צעטאַנצט און צעבליט.
לויב איך וואָס מיר איז באַשערט
צו פאַרשפּילן דאָ אין רויש מיין געמיט.

* * *

סאיז אַ זומערטאָג אין דרויסן,
שטאָלצע, גרינעביימער זענען ערגעץ דאָ —
בליענדיקע.
קאַפּעט, פאַלט אַ רעגן,
ווי אַ טוי פון הימל.
איז וואויל צו די ביימער, צו די בליענדיקע...
און מיין שטערן
איז אויסגעגליט פון דעם שוויים געטראַנק
פון מיין אייגן לייב.
טרינקען מיינע ליפּן
אַזוי אָט,
טראָפּ נאָך טראָפּ.
פרעגלט זיך מיין צונג און גומען
אין מיין שווייסטייך.

בליט אַזוי מיין שטערן־קאָפּ
באַם מאַשין,
באַם מאַשין —
אין אַ הייסן זומערטאָג.

* * *

טייל מאָל: —
ווערט דער רעש פון ארבעט
פארביטן אין געדאנקען שטילע.
שפינט אויס אין מיר,
אין הייליקייט א תפילה.

זענען קעפ אזויפיל —
אזויפיל,
אין שטילקייט איינגעבויגן,
אין שטומקייט איינגעבויגן,
מורמלט עמיצער —
ווער,
שטיל פאר זיך א ליד,
שטום פאר זיך א ליד.
— און איך פארנעם —
איך הער,
א הייליקע תפילה,
א מורמלענדיקע תפילה...
קלאפן אויס מאשינען אזא פרייד!!
שאפן,
שאפן,
דינען,
דינען,

הילכן אָפּ אין שאפּ די טענער.
קלאפן אָפּ אין הארצן טענער.
— קלאפן אָפּ אין הארצן טענער.
און דערפאר, א לויב צו דיר,
— דו ארבעט, דו ארבעט.
ווארפן זיך אימפעטיק אלע הענט,
ווארפן זיך מוטיק אלע הענט.
שעפטשע איך שטיל אזוי,
פרום אזוי, שטום אזוי, —
א תפילה צו דעם גאָט,
א תפילה צו דעם גאָט,

א תפילה צו דעם גאָט —
פון ארבעט,
פון ארבעט,
פון ארבעט...

עולה-רגל צו דער ארבעט

זענען זיי געגאַנגען עולה־רגל זיין —
דריי מאָל אין יאָר;
מיט ווייבער און קינדער, מיט שאָף און רינדער...
סהאָבן זיך געצויגן מחנות בעדואינערשע, בערדיקע שבטים, —
— קאַראַוואַנען, אָף קעמלען און אָף מוילאייזלען,
ווי א רעגנבויגן אַנטקעגן דער זאַמדידקער געלער זון
— אַן אויסגעשפּרייטע איבער זייערע קעפּ.
דריי מאָל אין יאָר — מיט א גרויסן גאָט אין הארצן!
מיט ארויסגעשטעלטע אויגן פון בענקשאַפט — צו זען!
מיט אייגענע הענט, אָף אייגענע אַקסל טראָגן בכורים.
דאָס בענטשן, זינגען א לויב דעם, וואָס לעבט און שפּייזט.
דערנאָך, דאָס רוען אין די געצעלטן, אין נעכט —
אַריבערגעדעקט פון א פאַרשטאַרטן הימל, אַן אויסגעשטערנטן,
דריי מאָל אין יאָר...
אַזוי אַלע אינדערפרי, זעקס מאָל פון דער זיבנטאָגיקער וואָך,
מיר, די גלאַטגעגאָלטע באַוואוינער פון שטיינשטאָלענע שפּיצן —
גייען עולה רגל זיין, ווי יענע בערדיקע בעדואינער;
מיט ווייבער און קינדער (האָבן מיר נישט קיין שאָף און רינדער).
סציען זיך קאַראַוואַנען, מחנות גאַרנדיקע, קאָלירנדיקע;
אָטאָמאָבילן, טראַמווייען, באַנען פאַרהילכן אונזערע קעפּ...
אונטער אונז רייסט זיך אַזאַ שוואַרצקייט־שטיק —
ווי מאַכט פאַרכאַפּענדיקער וואָלקן.
מיט אונז און איבער אונז, ווי א רעגנבויגן,
פון פאַרביקע, דרייענדיקע שלאַנגען ציען זיך;
ציען זיך און פאַרשווינדן, ציען זיך און פאַרשווינדן.
מיט א גרויסן גאָט הארצן:
מיט ארויסגעשטעלטע אויגן פון בענקשאַפט־צו זען,

— מיט אייגענע הענט טרייבן —
לאָזן יאָגן גלנאַציקע, אויל געוואַשענע מאַשינען.
מיט אייגענעם מויל אַרויסריידן די גרויסע פרייד,
דעם תענוג בצבור פאַרטיק מאַכן ניצליכקייטן,
דאָס זינגען אַ לויב, —
דאָס בענטשן די מעכטיקייט פון הענט, וואָס שאַפן,
דאָס שעלטן די פוילקייט פון לײדיקגײיערשע הענט...
אַז טאָג ווערט אויסגעוועפט, נאָך דער אַרבעט — מיד,
איינגעזאַמלט די גאַרבן, די פאַרטיק געמאַכטע אַרבעט),
לייגט זיך אַ געזונטער שלאָף אויף די ליפּן.
ווילט זיך גומען מיט גומען צענויפהעפטן —
אין פירעקיקע, קאָליר פאַפיר אויסגעקלעבטע שטיבער,
ליגנדיק אַרומגעהאַלזט מיט דער ליבע פון דעם ווייב.
ווילט זיך מיט אייגענעם מויל אַרויסריידן —
פאַר דער וועלט: —
די גרויסע פרייד פון גיין עולה־רגל זיין —
זעקס מאָל פון דער זיבנטאָגיקער וואָך...

* * *

דער היסלרוים — גראָ פאַרוואָלקנט,
און ריזיק שווערע דונערן —
קלאַפּן,
פאַלן —
איבער מיין קאָפּ,
אונטער מיינע פיס.
איך וואַקל זיך;
סציטערט די ערד אונטער מיר.
סאיז אַ שווער אייזערנע באַן אריבער מיין קאָפּ
דורכגעפלויגן...
וויל איך שרייען
פון פרייד אָדער פון שרעק —
הער איך מיין אייגן קול נישט.
אַזעלכע וואַקלענדיקע שפּאַנען אַ סך
מיט מיר; —
קנוילן מענטשן...
פאַלן אויף מיר די קלעפּ

פון מיליאָנען פענצטער, לאָדענס און טיר־פאַרמאַכן,
פון מיליאָנען מענטשנס פוס קלאַפּעריי;
פאַלט אָן די נאַכט...
צינדן זיך בליצן,
פלאַקערט אַ שטאָט —
איבער מיין קאָפּ,
אין קנוילינגן גאַנג פאַרפּלאָנטערט
אונטער מיינע פיס,
פאַרנאַכט, אין ניו יאָרק,
אַהיימגייענדיק פון שאַפּ, פון דער אַרבעט.

דזשעק דיבוי

זיצט דזשעק אין „ראַמענישן" אויף ריווינגטאָן סטריט,
צומאָלט מיט די ציין אַ האַרט געבראָטענעם סטעיק.
שניידט פאַמעלעך מיטן מעסער שאַרף אין בלוט אַריין,
דער גאָפּל, ווי אַ מצה־שיבער דערלאַנגט אין מויל אַריין.
איין אייגל ווינקט צו דער קעלנערן אין ווייסן פאַרטעכל,
מיט אַ האַלב אייגל באַלעקט ער די פעטע ליפּן זיינע —
און אַ האַלב אייגל קוקט אין דער ניויאָרקער „טאַימז" אַריין:
„ספּנים איינגעשמירט — דער שווישפּילער דזשאָן באַרימאָר
איז געווען אַ נאַכט אַ העלד מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט."
שמייכלט דזשעק זיך אונטער דער וואָנסע:
אויב געשפּילט דעם העלד געטריי און ערלעך?
איז דאָך דזשעק ד'בוי אָפן אין מיטן ליכטיקן טאָג
אַריינגעגאַנגען אין דער באַנק און אויסגעשריגן:
הענט אין דער הויך!!!
האָבן מיט ציינקלאַפּעניש געפאָלגט אינדערמינוט
הונדערט מענטשן אין העלן טאָג אויף בראָדוויי...
שרייבט טאַקע דאַפאַר די צייטונג „די טאַימז" היינט:
„אַ קונציק שטיקל אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן,
און דער רויבער, דער געניאַלער קאָפּ איז אוועק" —
און מיט אים אויך דער נעכטיקער טאָג...

מאָריס דראַלער דער דעזאַינער

משהס פאָטער איז געוועזן א מאָלער, —
דער קליינוואוקסיקער שמחהלע דראַלער.
משהס פאָטער האָט געהאַט גאָלדענע הענט,
נאָר משהן האָט ער צו עפּעס אַנדערש פאַרווענדט,
אים אַריינגעגעבן צו א שניידער לערנען נייען;
זאָל ער זיך נישט פּוסטע־פּאַס אַרומדרייען.
נישט ווי דער טאַטע הונגערן און מאָלן בילדער.
נישט אויסזען אין לאַנגע האָר ווי א ווילדער.
זאָל ער זיין א מענטש מיט מענטשן גלייך. —
איז אים אפשר באַשערט צו זיין געזונט און רייך.
משה א בעל־מלאכה א געשמטער, א געלויבטער,
פאָרט אַרויס קיין אַמעריקע א באַטויבטער,
מיט גליק אין האַרץ און בילדער אין מוח:
אין אַמעריקע ווערן קליידערמאַכער רייך.
וועט ער שיקן דעם טאַטן א סך, א סך געלט,
זאָל ער זיך פירן זיין קינסטלער־וועלט
און שטאָלצירן מיט זיין קאָפּ לאַנגע האָר.
נישט חלומען, נאָר האָבן ברויט אָפן וואָר.
משה וועגן זיך דאַרף גאָר נישט טראַכטן;
פאָרטאָך קיין אַמעריקע, אין לאַנד דעם גערדאַכטן.

* * *

מאָרים וועט נאָך ווערן א דעזאַינער,
רופט זיך אָן אייבעלע דער קליינער.
„יאָ, א דעזאַינער פון געדיכטע שטעפּלעך,
דער וואָס היט אָפּצושניידן אַלע ברעקלעך
פאָדים וואָס הענגען נאָך ביי יעדן שטאָך;
אוי־ווי גוואַלט, טאַטע, סאיז א בראָך
צו דעם דראַלערס יאָרן אין זיין דאַליע,
ווען ער היט דעם פאָדים, נייט פּאַוואָליע
און מאַכט די אַרבעט אַזוי פיין, אַזוי גוט;
— היט סזאָל חלילה נישט גיין קיין בלוט.״
א צווייטער שאַפּ־שכן) איזי „דער־בוי״,

זינגט הויך א ליד פון „אָך און אוי״:
אָך, דאָ אין אַמעריקע, אוי, אַרבעטן האַרי־אַפּ.
קאָלאָמבוסן דרייט מען נישט קיין קאָפּ —
אָך, מיט גוטע אַרבעט, אוי, מיט טייערע געניי?
אין אַמעריטשקע, האָסט אַ מאַשין? דריי.
אָך, דאָס ביסל אָטעם, אוי, פון דיר יאָג אַרויס, —
טאַפּיע זיך אין שוויס ווי דו ביסט גרויס.
אָך, גאָלדענע הענט, אוי, אַ זון פון אַ מאָלער?
צאָלט אים אַמעריקע נישט קיין טאָלער.
מאָרים איז צוגעוואוינט צו די נודנע רייד,
אים איז שוין לאַנג קלאָר און ער פאַרשטייט;
אַז אַמעריקע איז נישט פאַר אַזוינע ווי ער.
דאָ גליקן נאָר די — מיט דער חכמה פון אַ בער.
דעם וואָס אַרט נישט ווי אַזוי ער נייט
און פאַרגעסט צומאָל אַז דאָס רעדל דרייט;
נאָר יאָגט אַרויס פון זיך דאָס ביסל נשמה,
צי די נאָט איז גלייך, צי די נאָט איז אַ קרומע.
מאָרים איז מיד די אַלע רייד דאָ אויסצוהערן:
קיין אַמעריקאַנער וועט ער שוין נישט ווערן.
זינט סאיז געשטאָרבן אין דער היים דער טאַטע,
זיצט מאָרים אין שאַפּ אַפּגעלאָזן טאַמעוואַטע,
שמייכלט נישט, רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט —
אַפילו ווען סעפּנט זיך אונטער אים דאָס אָרט,
ער זאָל ווערן ווי קורח איינגעשלונגען —
אויב ער עפנט נישט זיין מויל צום זינגען
מיט די אַרבעטער אין דעם גרויען, גרויסן שאַפּ;
ציטערט בלויז איבער דער נאָדלס יעדן דראַפּ.
ווי אַ מאָלער מעסט ביים מאָלן דאָס בילד מיטן אויג,
אַזוי מעסט מאָרים דאָס קלייד, צי גוט, צי סע טויג!
אייבעלע דער קליינער רעדט שוין ווידער:
„אַט האָסטו דיר, אַזאַ מין מעשוגענער!
נישט ער רעדט, נישט ער ברומט אַרויס אַ וואָרט, —
נאָר זיצט איינגעגראָבן אַזוי אויף אַן אָרט.
נישט ער זאָגט, נישט ער רירט זיך און פרעגט:

— איינגעבויגן איבער דער מאַשין, נייט און נייט.
ווער קען דען פאַרשטיין אַזאַ אידיאָט, אַ פאַרשויץ,
אַז סע פרעגט נישט וואָס, וויפיל איז מיין לוין?
לאָמיר זיך אָרגאַניזירן און פון שאַפּ פאַרטרייבן;
אַזוינער טאָר צווישן יוניע־לייט נישט בלייבן . . .״
איזי דער בוי רעדט אויך מיט צאָרן:
„ברידער אַרבעטער און שוועסטער, מיר טאָרן —
מיר טאָרן נישט פאַרלירן קיין צייט — אַ מינוט.
אויב מען לאָזט דאָס אָנגיין, זענען מיר קאַפּוט!
מאָרים דראָלער איז אַ יאָלד פון יאָלדנלאַנד,
צוליב אים וועלן מיר ליידן אַלע ביינאַנד.
צוליב זיין גענייי מיט די שטעפּלעך געדיכטע —
ווי ספּאַסט פאַר אַלטע באַלמעלאָכעס געבריכטע.
קוקט ווי זיינע פינגער, זיי טאַנצן און גלעטן;
סזעלבע וועט וועלן דער באָס פון אונז, כקען וועטן!״
מאָרים זיצט אין שאַפּ, גיסט זיך אָפּ מיט טרערן:
די מאַמע שרייבט אַ בריוו אַז מקאָן משוגע ווערן.
„איך חלום, וועסט אָנפאָרן, פאָרט קומען צולויפן,
זען טאַטנס בילדער וואָס קיינער קומט נישט קויפן.
רהאָט איבער זיי געציטערט, מיט פינגער אויסגעגלעט,
אָף יעדן בילד לאַנג געקוקט און שטיל אַרויסגערעדט:
ווער דאַרף דען היינט בילדער? מענטשן ווילן ברויט!
אָבער נאָר איך בין פאַרפירט אין זיי צום טויט.
מיין איך, משהלע, קום טאַקע אַמאָל אַהיים צו פאָרן;
שטיל דער מאַמעס בענקען פון אַזויפיל יאָרן.״
אין מאָריסעס קאָפּ הייבט אָן אומצובלאָנקען
אַזעלכע אויסטערלישע, שרעקעדיקע געדאַנקען:
אַ יונגער קאָן שטאַרבן, אָבער אַן אַלטער מוז.
ווי סמוז אין האַרבסט געל ווערן דאָס גראָז.
ווי איך מוז יעדן טאָג אָפּשטויבן די מאַשין.
ווי איך מוז גיין אין שאַפּ אַרבעטן און מיען.
איך וועל זיך קיינמאָל נישט קאָנען פאַרגעבן,
אויב איך פאָר נישט ווען די מאַמע איז ביים לעבן.
וואָלט איך געהאַט שכל פריער און געשטרעבט?

וואָלט איך געפאָרן ווען דער טאַטע האָט געלעבט.
אָפּגעאַרבעט שווער אין שאַפּ די אַלע יאָרן,
איז נישטאָ קיין געלט פאַרוואָס אהיים צו פאָרן.
מאָריס קויפט אַ לאָטערי־צעטל, מקאָן געווינען.
אפשר וועט דער נומער זיין גליק־מזל דינען?
געווינט אָבער אַלעמאָל סטרעפּונג אָן אַנדערער;
מאָריס שטייט געפּאַקט דאָס פּעקל, אַ וואַנדערער.
היינט קומט דאָס גליק צו איינעם, מאָרגן אַ צווייטן;
וועט קומען צו מאָריסן אַ גליק־טעלעגראַם צו רייטן.
קומט אַ טעלעגראַם, ווערטער שוואַרץ ווי ראָבן:
אַלטע מוטער געשטאָרבן, איר רעכט געטאָן, באַגראָבן.

מיסטער סעם גאָלדין

גאָלדין באַלאַנגט צו דער סאָסאַיטי
מיט אַ טרוקענער סעמעטערי.
אַמאָל פאָרט ער אהין, אָפּגעבן
אַ לאַנדסמאַן די לעצטע ערע.
איז איינס שוין אַוועק,
איז איינס שוין באַזאָרגט;
ווייל דאָס לעבן דאָ —
איז אויסגעליגן און געבאָרגט.
סעם האָט אַ ווייב מיט קינדער,
מוז ער זיי שוכן און קליידן;
און טאָר דאָס נישט פאַרגעסן —
נישט אין לידן, נישט אין פריידן.
דערצו איז דאָס ווייב אים קראַנק
און אַליין האָט ער אַ הוסט.
זאָגן די דאָקטוירים אויך,
עפּעס איז דאָמער מיט זיין ברוסט.
ווידער, מוז ער גיין אין שאַפּ
און הערן פון באָס דאָס געשריי,
און אַז ער קומט נאָך אהיים,

איז ווידער, אַז אַך און אַז ווײ.
דירה־געלט לאַנג נישט געצאָלט,
דער לענדלער קומט מאָנען רענט.
מיסטער באַלבאָס, מיסטער לענדלער,
אירט מיר גלויבן: — אײ־קענט!

: : :

נעבכן, ברעקעלעך קינדער,
דער טאַטע האַלט אָף די הענט.
היינט לאַכן זיי פון טאַטן,
וואָס רעדט אַ פאָרעין-אַקצענט.
העל־בלאָנד פון קומאַרנע
איז געקומען אהער אַ יונג;
איצט, דער קאָפּ, דער גרויער,
שטעלט אַרוים אַ צונג...
איז גוט וואָס די סאָסאיטי
האָט אַ טרוקענע סעמעטערע.
וועט אַמאָל קומען אַ לאַנדסמאַן,
אים אויך אָפּגעבן די לעצטע ערע.

דזשעק באַרנעט

אַ מיליאָן דאָלער ירושה
פאַר אַ יעדן אייניקל —
האָט דזשעקס זיידע איבערגעלאָזט

ווען דזשעק בארנעט ירשענט נישט
פון זיין זיידן אַ מיליאָן דאָלערס, —
וואָלט ער היינט געווען אַ מענטש
מיט אַלע מענטשן גלייך.
ער וואָלט פארשטאַנען וואָס סע מיינט —
פאַרדינען דאָס אייגענע שטיקל ברויט
און ער וואָלט נישט געהונגערט
— אין איין מורא: —
טאָמער גייט אוים דער מיליאָן

און צו פאַרדינען פּרנסה —
פאַר זיך, איינעם אַליין —
ווייסט ער נישט ווי אַזוי?
און כּדי נישט צו שטאַרבן פאַר הונגער —
לעבט ער כּסדר אַ פאַרהונגערטער,
מיט עטליכע דאַרע שטיקלעך ברויט
די נשמה צו דערהאַלטן.
אַזוי זיצט דזשעק די טעג,
וויגט זיך אין זיין וויג־שטול.
טראַכט די גאַנצע צייט
וועגן זיין אַפּענדיקס אָפּעראַציע;
וועגן דער שווערער גיומאָניע,
ווען ער האָט אַלס קינד
שוין געהאַלטן באַם שטאַרבן
און איבערגעלעבט . . .

: : :

אָבער נאָר די גרויסע זאָרגן
פאַרן אייביקן מאָרגן;
ווען דער מיליאָן
וועט ווי שמאַלץ זיך אויסלאָזן —
וואָרגט יעדן ביסן,
וואָס סע נעמט צום מויל —
דער גרויער, דאַרער בחור,
דזשעק באַרנעט.

ביי־טאָס־רענדל דער מאַגיקער

אָף דער פערטצנטער גאַס,
ווי אַ פייל פון דעם בויגן,
קומט צופליען דער מאַגיקער
און בליצט מיט די אויגן.
אָף דער פערטצנטער גאַס,
בלייך ווי די וואַנט —

שטייט דער מאַגיקער
און דרייט מיט דער האַנט.
אױף דער פערטצנטער גאַס,
קליידער צעריסן־הויל,
שטייט דער מאַגיקער
און מאָלט מיט דעם מויל.

* * *

לויפן מענטשן אַהין און אַהער.
לויפן און לויפן און ווייסן נישט ווער?
דערזען דעם מאַגיקער נאַקעט־הויל,
ווערן פאַרגאַפט מיט אַן אָפענעם מויל.
לויפן מענטשן אַהין און אַהער,
לויפן און לויפן און אָטעמען שווער;
דערזען דעם מיט דער מאַגישער האַנט,
וואַקסט אויס אַרום אַ מענטשלעכע וואַנט.
לויפן מענטשן אַהין און אַהער,
לויפן און לויפן און נישט קיין קלער;
דערזען אַ מאַגיקער — אַ פייל פון בויגן,
שטייען און קוקן מיט אָפענע אויגן.

* * *

בין איך אַ גרויסער מאַגיקער,
זעט, איך וועל ווייזן וואונדער.
איך שטיי שוין דאָ־אָט־אָ,
פון אייערנעכטן ביז אַצינדער.
איך בעט נישט קיין געצאָלט,
איך וויל נישט קיין לוין.
נישט קיין זילבערנע שווערד
און נישט קיין גאָלדענע קרוין.
קומט אַהער, נענטער און נענטער,
הערט וואָס איך האָב צו זאָגן;
איך וויל באַרואיקן אייערע נעכט,
און וויל וועקן אייערע פאַרטאָגן.

* * *

איך האָב בילדעלעך באַהאַלטן,

בילדעלעך בריענדיק־הייסע ;
עפנט אייערע אויגעלעך
און זעט מיידעלעך גרויסע.
אין די בילדעלעך באהאלטן,
זעט איר וועמען איר ווילט ;
איר זעט די גרעסטע, די בעסטע,
און אייער באגער ווערט געשטילט.
אין די בילדעלעך זעט נאָרמאַ ליר,
זעט פּאָליאַ פּעגרי די וואמפּיר,
זעט איר מיסעס מעי רעסט —
צו אַ פרעמדן מאַן געפּרעסט.

* * *

קומען מענטשן פון אַלערליי זייטן,
ווייסן נישט —
צי וויל ער קויפן, צי וויל ער בייטן . . .

* * *

אַ טעלעוויזיע האָב איך,
זיננט דאָרט עדי דענטאָר ;
זעט איר דורך דער טעלעוויזיע —
עדין ווי אָט ברענגט ער . . .
אַ טאַשן ראַדיאָ האָב איך,
הערט איר אוירוווינג סוירלין,
און ביי דער פּיאַנאָ קלאַפּט
דזשאָרזשע־דזשעסל—גוירלין.
אַ טעלעוויזיע האָב איך,
ווייזט טשאַרלי טשאַפּי קונצן ;
ער פאַלט און שפּאַנט און פאַלט
פאַר די לומפּיקע מינצן.

* * *

ווערט די וואַנט פון מענטשן געדיכטער,
קיינער ווייסט נישט —
צי איז ער שיכור, צי איז ער ניכטער . . .

* * *

איך קאָן באוויזן קונצן אַלערליי, —
פון איין דאָלער קען ווערן צוויי ;

און פון צוויי קען ווערן דרייי,
און זילבער מאַך איך פון בליי.
אויף דער ערד דאָס שטיקל פּאַפּיר,
ליגט בלייך צווישן מיר און דיר;
אַז איך וועל נאָר באַפעלן און הייסן —
וועט דאָס זיך אין שטיקער צערייסן.
זאָג איך: רינגעלע, רינגעלע־ריק,
ווערט דאָס פּאַפּיר גאַנץ צוריק;
ווי נאָר מיין פויסט פאַרשטעלט,
ווערט דאָס פּאַפּיר פאַרוואַנדלט אין געלט.

* * *

איך האָב קרייטעכער געהיימע,
זיי זענען לייכט צום שלינג;
ווער סאיז נאָר נישט קיין בהמה,
דעם מאַכט עס לייכט און גרינג.
אויב עמיצער איז קראַנק —
פון אַלערליי מינים שלעק,
קאָן איך טויטן די שלאַנג —
ווען זי לאָזט זיך אין איר וועג.
איך האָב דעם כוח פון א ראַבאַי, —
צו זאָגן אייך אַזוי און אַזוי;
און אייער געלט דאַנאַך וועט ברענען
אַף דעם ווינט אַזויווי שטרוי.

* * *

מענטשן קומען אַלץ צולויפן,
און ווייסן נישט —
צי וויל ער האַנדלען, צי וויל ער קויפן . . .

* * *

קומט אַהער נענטער און נענטער,
נישטאָ וואָס אָט דאָ זיך צו איילן;
איך וויל דאָ, נאָר אייך, אַליין,
מיינעם א סוד נאָר דערציילן.
איך זאָג אייך דעם אמתן אמת,
כבין נישט אויסן די קונציקע זאכן;

כוויל בלויז צונויפנעמען — און
אביסעלע געלט ביי אייך מאכן.
גיכער אהער, אהער גיכער,
טוט אייך צוזאמענלויפן;
אהער, אהער, אהער —
ווייל איך וויל עפעס פארקויפן.

* * *

איך האב שוין געטאן אלץ,
געהאנדלט מיט וואס אין דער וועלט;
איך האב געהאנדלט, געוואנדלט,
פאבריצירט אזא גאלדן־געלט.
געשאכערט, געמאכערט אויף „וואל־סטריט",
און געווען שוין געוואלדיק רייך.
איז פונקט אין א יום־טוב
זיך אויסגערינען דער טייך.
געקויפט „שערס", „סטאקס" און „באנדס",
געקויפט „מארדזשין", געהאנדלט „שארט",
נאך היינט איז אין וואל־סטריט"
פארבליבן א שיינע מצבה דארט.

* * *

מענטשן פארגאפט און פארוואונדערט,
קומען צו —
אין די צענדליקער, אין די הונדערט.

* * *

איך בין געווען איבער דער וועלט,
אף עראפלאנען הויך, אין ים־טיפן;
איך בין צוריק צו מיין הײמלאנד
געקומען אויף א „ראו־באוט" צעשיפן.
אין פאריז אין לאטיינישן קווארטאל
בין געווען דער קינסטלער, דער מאלער;
פארערער ארום און ארום מיידלשע,
און אויך נישט אויסגעפעלט דער טאלער.
ביים טערק אין זיין לאנד,
געהאט א הארעם ווייבער;
אין נאום, אין אלאסקא,

בין געווען א בערנטרייבער.
אין מעקסיקאָ מיט דעם שטילעט,
אין דער האַנט גרייט דאָס מעסער;
בין דאָרט געווען א „דעמפּסי",
אויב נישט נאָך עפּעס גרעסער . . .
אין אַרגענטינע — דאָרט געהאַנדלט
טאָקע מיט לעבעדיקער סחורה;
זאָל איך זיך שעמען צו דערציילן?
וואָס האָב איך דען מורא?
געוועזן דער גרעסטער ווירטואָז,
דער גאַנצער וועלטס פידלשפּילער;
א גאַנצע וועלט איז געקומען הערן
און איך האָב אויסגעזען ווי א דולער.
אין פּוילן געווען אַן אידעם אויף קעסט,
אין שקאָלעם געקוועטשט די באַנק;
און אויך דאָרט אַרעסטירט געוואָרן
פאַר דעם פרייעם געדאַנק.
אין רומעניען געטרונקען גוטן וויין
און געוואָרן יונגער און פאַרשייטער;
אין מאַדריד ביי די סעניאָריטעס,
געווען דער שענסטער אָקסנפייטער.
אין רוסלאַנד ביים באָלשעוויק
בין איך געווען א קאָמיסאַר;
און אויך אין דייטשן רייך,
בין געווען, ווי זיי, א יעקע נאַר.

* * *

וואָס מער מענטשן קומען צוגיין,
אַלץ ווינציקער —
קענען זיי דעם מאַגיקער פאַרשטיין.

* * *

די גרעסטע בענק זענען געפאַלן,
א וועלט האָט געקראַכט;
זעט, איך האָב אָפּגעקויפט,
ווי ביי א גנב ביי־דער־נאַכט.

סע זענען געווען פּאָגראָמען,
קינדער געהרגעט, שטעט געברענט;
אוי, איך פאַרקויף דאָ אַ סחורה,
וואָס איר וועט כאַפּן מיט די הענט.
איר וועט מיר דאַנקען וואויל,
פאַר „סאָבאָל־בראָטהערס"
געזאָלין און אויל . . .
בין איך דאָ־הי,
דער איינציקער פאַרטרעטער
פון „ראַקע־דזשאָהן־די" . . .
זיי טיילן מיט מיר דאָס רויב,
די גרויסע באַנקירן —
קוהן און לויב . . .
מהאָט געשיקט צו אייך ארוים —
מיך, דעם איינציקן,
פון מעיסים וואַרענהויז . . .
ווי אַ לייכטנדיקער לאָמפּ,
בין איך פאַר די ברידערלעך —
בלומינגדעיל און קאָמפּ . . .
וואָס פאַרן ברויט דער בעקער,
בין איך אָט דאָס —
פאַרן דזשענטל וואַנאַמעקער . . .
צי אין מאַשין, צי אין באַן?
זעט איר מיך —
מיט דזשעי־פּי־מאָרגאַן . . .
בין איך דער מענעדזשער דאָרט,
וואו איר זעט אַ הויז, אַ פאַבריק
פון מיסטער הענרי פאָרד . . .

* * *

דרייט זיך דער עמפּייער־טורעם
און פּלאָנטערט ארום מיינע פיס —
ווי אַ שיכורדיקער וואָרעם . . .
ראַדיאָ־סיטי קענט איר ביי מיר האַנדלען,
צי ווילט איר צאָלן קעש

צי ראַזשינקעס מיט מאַנדלען?
די אַלטע וואוילוואַרט־שענטע,
אַף איר איז אַ רחמנות;
קויפט זי, קויפט די עלנטע...

* * *

און מענטשן קומען מער און מער,
און קיינער ווייסט נישט —
וואָס איז ער — און ווער?

* * *

ביי דעיוויד דאַלעסקאַ אין טעאַטער
בין איך געווען אַן אַקטיאָר;
בין איך דאָס געווען דער,
וואָס האָט געמאַכט אַ פוראָר.
די רעדאַקטאָרס האָבן געשריבן:
די צייט פון פּאַיאַצן איז פאַרביי.
דער מאַגיקער, דער אַקטיאָר
שפּילט געוואַלדיק נאַטור־געטריי.
פאַר דער בראָדווייער בינע
האָב איך געשריבן דראַמעס.
זאָלט איר געווען שוין זען —
די טרערן פון טאַטעס און מאַמעס.
איך האָב אויך געשריבן לידער,
אַמאָל אַ געזאַנג, אַמאָל אַ געבעט;
האָט גאַנץ ניויאָרק געקלונגען מיט מיר,
מיטן גרויסן און וואונדערלעכן פּאָעט.

* * *

אין רינג אַף דער אַרענאַ,
בין געווען דער לייכטוואַגיקער העלד —
און געהייסן האָב איך בעני־לעני;
געהאַקט ציין, אָבער בלויז פאַר געלט.
אַמאָל אַז געלט האָט געפעלט,
— איז גלייך אַ רעוואָלווער אין דער האַנט.
אַ געשריי: „הענט אין דער הויך",
און אַלע — וויים ווי די וואַנט.

אין קלוב אין די גרויסע פענצטער,
מיין חבר, געננסטער באָם־פּעם־אָף ;
האָב איך גענומען אָף א שפּאַציר
און דאָס איז שוין געווען זיין סוף.

* * *

מענטשן קומען צולויפן,
און ווילד ווערט דאָס שטופּן —
מהאַקט זייטן און מברעכט ריפּן.

* * *

סאיז דאָ פּערצענטע גאַס, סאיז א געווימל,
און איר שטייט און קוקט אין הימל !
זאָגט, וואָס האָב איך פאַר אייך די ווערט,
ווי איך שטיי און גיי אויף דער ערד ?
א מענטש איז א מענטש און נישט קיין פערד,
און מיט מיינע טרערן וואָס באַנעצן די ערד . . .

* * *

פאַר פופציק קופּערנע סענט,
פאַרקויף איך מיינע הענט.
פאַר א טראָפּ משקה אין גלאָז,
פאַרקויף איך מיין נאָז.
פאַר א פּאַסטראַמאַ סענדוויטש בלויז,
נאַט, שניידט מיין האַרץ ארויס.
פאַר א ציגאַרעט־רויך,
פאַרקויף איך מיין בויך.
פאַר דעם ביסן ברויט, —
צי עפּעס פאַר אַן אנדערן ?
גיב איך נישט אוועק די פיס ;
— איך דאַרף זיי צום וואַנדערן . . .

* * *

פון א זייטיקער גאַס פּלוצים
איז א דעטעקטיוו אָנגעקומען :
„— הער נאַר, מאַגיקער,
פונוואַנען — און וואָס איז דיין נאָמען ?"
פונוואַנען און וואָס איז מיין נאָמען ?

וועל איך זיך נאָר קאָנען דערמאָנען —
פון וואַנען זיידע און טאַטע זיינען געקומען?
פון וואָס זייער לעבטאָג איז באַשטאַנען!
אין לעמבעריק מיין זיידע האָט געהייסן האָצמאַך.
אין ווין מיין טאַטע — מנחם מענדל;
דאָ אויף דער פּערצענטער רופטן מיך:
מאַגיק ביי־טאָס־רענדל.
אין לעמבעריק פאַר דער שול האָט מיין זיידע געהאַנדלט
מיט סטענגעס, מעסערלעך, שערלעך און זאַקן,
און איז אויך געווען דאָרט אַ פעלדשער,
געשטעלט באַנקעס און געשטשעפּעט פּאָקן.
אין ווין מיין טאַטע האָט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט
צונויפגעפּירט און צוגעהאַנדלט מיט ווערט־פּאַפּירן;
האָט ער טאַקע, דערפאַר, דערנאָך, דעסהאַלב אָפּ דייטש —
געמוזט זאָ שעין פיר הונגער קראַפּירן . . .

* * *

גיט אַ קוק דער מאַגיקער,
אַ כאַפּ די פּיס און אַנטלויפט.
שרייט ער קריק און וויינט:
„כהאָב גאָר נישט פאַרקויפט."
גיט דער דעטעקטיוו אַ שפּרונג,
לויפט ווי אַ קאַץ נאָך אַ מויז.
ביי־טאָס־רענדל דער מאַגיקער,
איז נעלם געוואָרן פון דעטעקטיווס פויסט.

אַלע מענטשן דאָ אויף דער פּערצענטער גאַס,
דערשראָקענע צום טויט און בלאַס —
פון דעם פּאָליציים אַנגעוואָרפענע שרעק
און פון דעם וואָס דער מאַגיקער איז אַוועק . . .

שאול מינקאָף

סאיז דאָך נישט קיין שידוך,
ווי סאיז נישט קיין פּאָר;

דאָס פרישע בערגעלע ערד
און די יונגע 24 יאָר . . .

דאָס הארץ זעט און וויל פארבלוטן.
דאָס הארץ הערט און וויל פארקלעמען —
צו דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן
שאול מינקאָפס טאטן און מאמען.
די מאמע האָט געוויקלט און געבאָדן.
דער טאטע האָט געהיט דאָס וואקסן.
די מאמע האָט נאָכגעקוקט די טריט
אין טעג פון רעגנס, טעג פון שלאקסן.
די מוטער האָט געהאָפט און געווארט.
דער פאָטער האָט געבויעט שלעסער:
— אָט זעסטו, א קינד, א קליינס —
אָט וואקסט דאָס גרוים און גרעסער . . .
איז געקומען די ערד און צוגערויבט
א יינגל מיט שווארץ־פעכיקע האָר.
וויינט איר אלע ליבע, גוטע פריינט,
אָף פארלוירענע, פארשניטענע יאָר.
זינט סאיז אויפגעקומען דער טויט,
איז קיינער נישט זיכער מיטן לעבן!
— דאָס איז אפשר די איינציקע טרייסט
וואָס מקאָן די אָרעמע טאטע מאמע געבן.

דער באַטריבטער פאָטער

וואָס זאָל איך דעם מענטשן זאָגן?
ווער קאָן דען עפענען א מויל,
ווען איבערן אייגענעם לייב
גייט דורך א שוידער, א גרויל.

אָט, היינט גערעדט מיט א טאטן.
ער האָט אן איינציק קינד פארלוירן;
געדענקט ער, אבער, אזוי דעם טאָג —
ווען זי האָט אים א קינד געבוירן.

דעמאָלט איז געווען פול די שטוב —
אַלע ווינקעלעך פון קינדס געשריי;
נאָר שלעכט, וואָס ווענט זענען שטום
און טריפן, היינט, מיט אייביקן וויי.
ער רעדט צו זיך, דאָך איינצוריידן:
— מיין איינציק קינד איז נישט טויט!
אַנישט, צוליב — וואָס דאָס האָווען דאָ —
פאַרן שטיקל פוטער און ברויט?
און קומט ער אַהיים צום ווייב, —
איז אויפגעראַמט ציכטיק די שטוב;
נאָר פון ווינקעלעך בליפעט געוויין —
פון איינציקן זון, פונעם גרוב . . .

אַ רחמנות אָף דזשאָו דעם שויבן־פוצער

האָט דזשאָו דער שויבן־פוצער זיך אויסגעגליטשט
פונם העכסטן פענצטער אין דער הויך.
אָפּגעריסן האָבן זיך די געדרייטע שטריק
און מיטגעשלעפּט די אייזערנע שרויף; —
די שרויף, וואָס האָט אים פאַרנאַרט צו קריכן
צו דעם שפּיץ שייבל דאָרטן אַרויף...
און דאַכט זיך, טאַקע מער גאָרנישט; —
בלויז אַ פאַרבייגייער, אַ מענטש,
האָט צו זיך גערעדט און אָפּגעזאָגט: —
„סאיז דאָך אים נישט געמינערט, אַ האָר נישט.
נאָר פאַרוואָס זענען זיי זיך צוזאַמענגעלאָפן,
זיך צעשריגן אָפן קול דאָ אַלע מיטאַמאָל, —
ביז אַ קלינגענדיקער וואָגן האָט אים געכאַפּט
ווי עפּעס אַ טייער אוצר, צו אַ שפּיטאָל.
ער אַליין, האָטאָך גאָרנישט גערעדט; —
אפשר, ווייל ער האָט זיך געשעמט —
פאַר אַלע, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן —
ווער ווייסט, אַ געוואַלדיקן וואונדער צו זען

און דווקא אביסל צעהאַקטע ריפּן,
ווי באַם פליישפּאַרקויפער געטראָפן . . .
און אפשר, ווייל דזשאַו האָט נישט געקענט —
איצט שטיין מיט די אָנגעלאָפענע אין דעם ראָד,—
מיט אַלע וואָס קומען צו, נאָך און נאָך —
צו גאַפן און רחמנות האָבן אױף יענעמס בראָך"...

איזי די סעמפּל־האַנט

מיט איין איינציקן גולדן אין־דער־טאַש,
און אין דייטשן אולסטער אָנגעטאָן —
פאָרט איציק אויף דער קייזער־ווילהעלם שיף,
אויף די ים־כוואַליעס צו דעם גאָלדענעם לאַנד.
ווערט אָפּגעהאַלט אין נעוויאָרקער קעסל־גאַרדן
פון מיסטער פּרעזידענט, נייטן קאַסטעראויל.
דער פּרעזידענט אין צילינדער און אַ פּול מויל
גאָלדענע, בליאַסקעדיקע ציין: אָל־רייט לאַנדסמאַן . . .

:: :: ::

געקומען אַ שטודענט מיט אַן אויסגעשריבענער האַנט.
ווערט אַזאַ האַנט אין אַמעריקע, אַ „סעמפּל־האַנט".
פון זיין מאַמען, די באַלבאַטיש, איידלע הענט.
פון טאַטן דעם קלוגן קאָפּ, דאַפאַר די קלוגע הענט;
ווערן אַזוינע הענט אין אַמעריקע — סעמפּל־הענט . . .
הייבט זיך די לויב אין שאַפּ זיבן אינדערפרי.
גיסן זיך די רייד מיט אַ קלאַפּקעלע אין פּלייצע
פון מיסטער באָס צו דעם מיסטער איציק־איזי.
איציק פון דער אַלטער־היים הייסט „איזי" אין אַמעריקע;
ווי easy סאיז צו זיין איזי אין אַמעריקע . . .

:: :: ::

שוין לאַנג אַז איזי איז אַן אַלדטאַימער אין אַמעריקע.
אַלץ ציטערט אַזוי, אָט, אונטער זיין האַנט ביים געניי, —
און פון קאָפּ זענען זיך אויסגעשפּרונגען די לעצטע האָר.
— טוט איזין נישט ווי די יאָרן וואָס זענען פאַרלענדט;
אַבי איזי איז אַ באַרימטקייט — „איזי די סעמפּל־הענט".

אַלטער איינבינדער

אַז אַלטער איינבינדער —
איז פאַר קיינעם גערדאַכט,
געוואָרן אַן אַלמן;
האָט ער אָנגעזאָגט,
יאַנקעלע דעם שדכן,
— אַז למען־השם, —
דער רעכטער זיווג,
און נישט אַנדערש,
— אַ בת־בנים...
סשטעטל האָט געקייכט,
סלייטישע געלעכטער;
געהאַלטן ביי די זייטן, —
וואָס אַן אַלטער ייד,
פון 45 יאָר,
מיט דער געקרייזלטער,
לאַנגער באָרד און פאות —
שלאָגט זיך אָן,
— אַ בת־בנים...
די וואוילע יונגען,
אין מיטן מאַרק —
האָבן נאָכגעשריגן,
אונטערגעשטעלט אַ פוס

און חוזק געמאַכט
פון אַלטער איינבינדער: —
„אַנדערש פאַסט אים נישט,
צו 45 יאָר, —
אַ בת־בנים״...

* * *

דאָ אין אַמעריקע, —
מאיינבינדערס אייניקל,
ציילט ער שוין —
דאָס פינפטע צענערל;
און איז אויך,
פאַר קיינעם גערדאַכט,
אַ ווייסטער אַלמן.
שלאָגט מען אים אָן —
אַ נייַנצעניעריקע;
און קיינער קייכט נישט
סלייטישע געלעכטער,
וואָס אַ דזשענטלמאַן,
פון 50 יאָר, —
אַ געראַזירטער;
זאָל זיך פאַרגונען —
— אַ בת־בנים...

טאַטע־מאַמע איבערגעלאָזט

אַ טאַטן, אַ מאַמען איבערגעלאָזט
און ווי קאָלומבוס געפאָרן זוכן וועלט.
באַנאַכט אָפן געלעגער —
בקאָן נישט איינשלאָפן.
דאָס האַרץ קלאַפּט,
די נערוון ציטערן.
סגריבלט מיר שטיל אין מיין מוח;

איך דערמאָן זיך — איך שפּרינג אַראָפּ,
איך קוק מיך איין אין שפּיגל;
דערמאָן איך מיך אָן מיין מאַמען.
—איך האָב איינגאַנצן מיין מוטערס
בלאַסן פּנים, —
מיט אירע גרויסע זוכענדיקע אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — —

אויך איצט, שלאָפט זי נישט, מיין מוטער,
זי בענקט נאָך מיר, איר קינד...
— האַלב איינגעשלאָפן,
— האַלב וואַכעדיק —
רייסט זיך אַרויס אַ געשריי
פון אירע ווייס-קאַלטע ליפּן:
„אוי־ווײ,
וואו זענען מיינע קינדער!

ניו יאָרק, 1922

נ י ו י אָ ר ק

ווי מרעדט מיט גאָט,
ווי מיט טאַטע־מאַמע,
— רעדט איך צו דיר
אָף „דו"—
גרויסשטאָט ניויאָרק.
שטייען דיינע הייזער
נישט באַזונגענע;
נאָר זיי זינגען אַליין,
— די הייזער־דיכטער,
דאָס גרויסע ליד
פון אייביק זיין...
זיי ציען זיך —
שטרעקן די העלזער —
גאָרן איבער גאָרן.
ליארעמען מיט לעבן;
און רוען נישט, —
שטענדיק באַוועגן.
רעדט דער רעש.
וויגט דאָס גערויש
אַ וויגליד געזאַנג
היימיש אָף „דו",
פון גאָט,
פון טאַטע־מאַמע.

מ י י ן ר ו א י ק י י ט

אַזאַ רואיקייט איז מיך פּלוצים באַפאַלן,
שטום איך און איך טראַכט און איך קלער;
— איך בין באַפאַלן פון אַ טשאַטע וועלף —
אָדער סאיז אַ קייט אַרום האַלז אַזוי שווער...
ווען אין אור־וואַלד, מענטש האָט דערזען די חיה,

איז ער געבליבן שטיין אין זיין גליווערשרעק;
האָט די חיה געמיינט, אַז דער מענטש איז אַ בוים, —
איז זי זעטיקן איר הונגער צו אייגענע חיות אוועק.
ווי יענער אור־מענטש אין פאַרשטיינערטקייט;
אַזוי היינט מיין רואיקייט, אַזאַ געלאַסענקייט. —
דער שטומער שוויג אין מיין פּיין און לייד;
רעדט אין מיר מיט טויזנטער קולות און שרייט.
ווען איך וויל איצט עפנען מיין מויל אויף אַ קול,
אין אַזאַ נאָ־געוואַלט צו שרייען און צו זאָגן: —
„איך, בלוטנדיקער, הענגעדיקער, טרענקעדיקער, —"
אָפּגענוצטע ווערטער, נישטאָ מיט וואָס צו קלאָגן . . .

* * *

מיין טרויער איז ווי אַ מויער —
איינגעמויערט אין מיין מוח און האַרץ.
פאַר מיינע אויגן וועט שוין זיין אייביק שוואַרץ —
ביז דער מינוט, ווען סוועט אויפהערן קלאַפּן מיין האַרץ.
דעמאָלט וועל איך אפשר פריי ווערן פון אייביקן צער
דעמאָלט וועל איך אפשר זיין אַ חכם, נישט קיין נאַר.
איז, פון איצטערט אָן, וועל איך וואַרטן און האָפן,
אויף דעם טאָג, ווען איך וועל באַפרייט ווערן פון אַלע שטראָפן.
לעבן מיט אַזויפיל ווייטיק, פאַרבאָרגן אין מיין ברוסט,
וועגן דעם האָב איך שוין קליינערהייט זיך דערוואוסט;
אָבער איך האָב זיך געגנאַרט און איינגערעדט, פאַרקערט;
אַזוינס, וואָס מהאָט נאָר אויף דער וועלט נישט געהערט.
איצט, האָב איך שוין געלערנט און ווייס שוין מיין בראָך.
און וואָס מער מע לעבט, קומט צרות נאָך און נאָך.
ווען זשע, ליבער גאָט, וועסטו מיך פון דעם אומגליק באַפרייען?
איך האָב געהאַט געגנוג, כוויל נישט זאָלסט מיינע יאָרן באַנייען.

* * *

מיין פרייד זאָל אַלעמאָל פאַרשטערט ווערן.
די אויגן זאָלן קיינמאָל נישט טרוקן ווערן;
ביז איך וועל אויפהערן צו זען.
ביז איך וועל אויפהערן צו הערן.

מיין בוך „געשעעניש און געשטאַלטן", אין 1938, האָב איך געווידמעט מיין ברודערס געראָטענעם זון, יוסף חיים, וועלכער האָט שוין אַלס אַכט־יאָריקער ייִנגל, אַרויסגעוויזן ליטעראַרישע גאונות. איך האָב דאַמאָלט געשריבן:

יוסף חיים הייזלער

מיין האַראָוואַניע אַ מתנה —
טו איך דיר געבן;
נעמזשע אויך מיין ברכה
— פון געזונטע יאָר און לאַנג לעבן.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זיין לעבן קענען אויסבעטן, — אָבער איך האָב פאַרלוירן מיין געוועט מיט גאָט. זיין אינטערעסאַנט, שפּראָצענדיק לעבן איז אין זיין 19־יאָריקן עלטער איבערגעריסן געוואָרן אויף אייביק. די אַלע האָפנונגען וואָס איך האָב געהאַט און זיך געשפּיגלט אין זיינע פעאיקייטן — זענען פאַרשטערט און צעשטערט געוואָרן. מיט זיין יונג־פאַרשניטן לעבן האָט אויך מיין לעבן אָף דער ערד פאַרלוירן זיין ווערט, און איך וועל שוין אַזוי טרויערן ביז אין גרוב אריין.

ליבע, גוטע מענטשן, העלפט מיר באַוויינען זיינע יונגע אָפּגעהאַקטע יאָר.

ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳